№ 8 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem

פּרײַז 20 גראָשן צשענסטאָכאָווער יאָהרגאַנג. CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

טשענסטאָכאָווער צײַטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַבאָנאַמענטס-פּרײַז:
א נומער 20 גראָשן.
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

ערשײַנט יעדן פרײַטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען-פּרײַז:
פאַר א מיליטעטער שורה
1טער מעקסט 40 גראָשן גאַנ׳ן מעקסט 25 גראָשן
אין מעקסט 80 גראָשן.
די ערשטע און לעצטע זײַט האַלט 8 אנאָנסען שפאלטען.
פאַר׳ן אינהאַלט פון די אנאָנסען איז די רעד. נישט פאַראַנטוואָרטליך.

פרײַטאָג פ׳ תרומה ג׳ אדר תרצ״א
ליכט-צינדען 4.44
Piątek dn. a 20 lutego 1931

חוה קרל — צבי יהודה אייזנברג
טשענסטחוב — קעלץ
באו בברית הנשואין
בחודש אדר תרצ״א.

ברכת מזל-טוב ואחולים לבביים לסגן
נשיא מועצת הקהלה העברית דפה,
מר **יצחק מאיר קרל**
לחתונת בתו
המועצה וועד הקהלה העברית
בצינסטחוב.

ברכת גדא טבא הננו מאחלים לידידנו
ושותפנו למר **יצחק מאיר קרעל**
לרגלי נשואי בתו מרת **חוה**
עם כ״ג **צבי יהודא אײַזענבערג**
תהי דרכם סוגה בשושנים.
אברהם האַמבורגער ומשפחתו.

הננו מברכים ליו״ר שלנו ר׳ **יצחק מאיר קרעל**
ברכת מז״ט לנשואי בתו תחי׳.
יהי רעוא מן שמיא שיחי׳ לגרא טבא ויזכה לראות מהם רוב נחת וכל טוב
דור ישרים יבורך.
ועד הת״ת „מחזיקי הדת״.

בזה הננו מביעים את ברכתנו הנלבבה מז״ט! מז״ט! לרגלי חגיגת שמחת צאצאיהם שבאו״א
לרודנו החביב מר **יצחק מאיר** נ״י **קרעל** ומשפחתו
לידידנו החשוב מר **שמואל** נ״י **גאָלדשטיין** ומשפחתו
וגם למכירנו הנכבד מר **קאַהאַן** ומשפחתו
לאות על השתתפותנו בשמחתם שבאו״א בכל נפשנו ומאודנו מנדבים אנחנו 10 זהובים על „מחזיקי הדת״.
בנימין דוד שמאַראַנד ורעיתו

הננו מברכים לחבר הועד שלנו ר׳ **שמואל גאָלדשטיין**
לחתונת בנו יחי׳ ויזכה לראות מהם רוב נחת ועונג כל טוב
ועד הת״ת „מחזיקי הדת״

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער עלטסטען פערוואַלטונגס מיטגליד
ה׳ **יהושע לענקינסקי** און פרוי צו דער חתונה פון זײַער טאָכטער **פעריל** מיט ה׳
מאַלעק פרידמאַן וועס קומט פאָר הײַנט פרײַטאָג דעם 20 ד. ח.
דעם יונגען פאָר ווינשען מיר א גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען.
פאַך-קאָמיסיע פון הויזען-וועסט בײַם יודישען שנײַדער-צעך.

די ערשטע אין פּוילען
מעכאַנישע-כעמישע וועשערײַ און פאַרבערײַ-אנשטאַלטן
„KRYSZTAŁ"

גיט צו אַלטע און אָפּגענוצטע גאַרדעראָבע א פולקאָם נײַעם אויסזעהען
דאס רײַניגען פון אונזערע אנשטאַלטען קען זיך פערגלײַכען מיט בערלין, ווין און פּאַריז.
אויב איהר ווילט צוגעבען אײַער ברודיגער פערפלעקטער גאַרדעראָבע אַן עסטעטישען אויסזעהען ווענדעט זיך מיט׳ן גאַנצען פערטרויען צו אונזערע מעכאַניש-כעמישע וועשערײַ און פאַרבערײַ-אנשטאַלטען **„KRYSZTAŁ"** און איהר וועט זיך איבערצײַגען, אַז אונזער אַרבײַט קען מען נישט פערגלײַכען מיט דער אַרבײַט, וועלכע ווערט אויסגעפיהרט אין די ביז - איצט עגזיסטירענדע וועשערײַען.
מיר נעמען אָן צו רײַניגען, ווי אויך צו פאַרבען מענער-אנצוגער, דאַמען און קינדער-קאָסטיומען, גאַרדינען, קאָפּען, אַלערלײַ זײַדענצײַג, ושאַרושעטען, **דיוואַנען**, פעדערן, **פוטער**. אַלץ ווערט אויסגעפּערטיגט סאָליד, פּערזענ-ליך און פונקטליך צו זעהר ביליגע פּרײַזען.
מיר נעמען אויך אָן אַלערלײַ שטײַפע וועש צו וואַשען און פּלעטען.
נעמענדיג אין אכט די שווערע קריטישע צײַט האָבען מיר בעשלאָסען צוזופאַסען די פּרײַזען אַז זיי זאָלען פאַר יעדען זײַן צוגענגליך
פאַר א קאָלנער 18 גר. א אויבערהעמד שטײַף 80 גר.
א קי״ג הויז-וועש נעמאַנגעלט 1,20
מיר פערזיכערען דעם ג׳ פובליקום א פונקטליכע און גענויע אויספיהרונג פון די אויפטראָגען און עמפּפעהלען זיך מיט אכטונג
מעכאַניש-כעמישע וועשערײַ און פאַרבערײַ
„KRYSZTAŁ" Częstochowa
Ogrodowa 15 i II Aleja 30.

שיך-געשעפט
אײַגענע אַרבײַט.
גרויסע ערעפנונגס-רעקלאמע.
מ׳נעמט אָן בעשטעלונגען.
זעהר צוגענגליכע פּרײַזען.
דעוויז: ביליג און גוט.
אַנגראַדאָווא 18.

טאַפּעצירער און דעקאָראַטאָר
יאַקוב שטייער
2 אַלעע 18
נעמט אָן זעמטליכע טאַפּעצירער-אַרבײַט פון אײַגענע און פערטרויטע סחורות
קאָפּען, שטאָרען און גאַרדינען
צום שפּאַנען און פערלעגען.
בעמערקונג: איך פיהר אויס די נײַ-מאָדערנסטע דעקאָראַציעס.
סאָלידע, גוטע אויספיהרונג. ביליגע פּרײַזען.
מיט אכטונג
יאַקוב שטייער אַלעע 18.

א פּראַקטיצירטער סוביעקט
אין דער קאָלאָניאַל און מאַנופאַקטור - בראַנזשע זוכט א פּאָסטען עווענטועל אין דער פּראָווינץ
הורט—דעטײַל. אַפּערטען אין רעדאַקציע.

שוין צו פערדינגען
פערשידענע וואוינונגען
אויף אײַנציגע צימערן מיט אַלע בעקוועמליכקייטען
וואַרשאַווער גאַס נר. 85.
ערקונדיגען זיך בײַ ה׳ י. פּערלע, אַנגראַדאָווא 20.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu własnym **ul. Waszyngtona** d. Jasna **49.**
Wyucza Nowości Paryża i Londynu w kompletach i pojedyńczo.
Zapisy na kursy I, II, III codziennie od 10 rano do 9 wiecz.
מאָרגען **שבת** 21 לוטי און יעדען אנדערן פּראַקטישע לעקציע פון 8 אָוונט ספּעציעל פאַר דער יודישער געזעלשאַפט.

א גוועלב מיט **2 שטובען**
אויף קאָשמשושקי 35 צו פערדינגען
ערקונדיגען זיך בײַ ראָזענטאַל, אַלעע 7
אין הערינג-סקלאַד.

מיט גרויס צער און ווערטאָג זענען מיר מודיע, אז אין עלטער פון 69 יאָהר איז געשטאָרבען אונזער מאַן און פאָטער
נ״ע **מאיר דוד זאַקס**
די לויה איז פאָרגעקומען זונטאָג, דעם 15 יוני 1931 (כ׳ט שבט תרצ״א).
גלײַכצײַטיג דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען דאַנק אַלע פרײַנד און בעקאַנטע, וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד, די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען און אייניקלעך.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די פאַמיליע בעהם ווי אויך די פאַמיליע קאַסמאַן צום טויט פון זײַער מאַן און פאָטער אונזער ג׳ חבר
נ״ע **נחום בעהם**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאַמיליע חויפטמאַן,
פאַמיליע לאַנדוי,
פאַמיליע זילבערשטײַן,
הינדה און ישעיהו עפראַים.

Z intencji zaręczyn naszego brata i kuzyna MARKA BAJGELMANA z p. FRANKĄ GOTAJNER życzą najlepszego
Ira Bajgelmanówna
Leon Gelber

צו דער פערלאָבונג פון אונזער טאָכטער און שוועסטער **הדס ריבא** מיט ה׳ **מרדכי גרשון הוילינגער** ווינשען מיר פיעל גליק און אײַביגע צופרידענהייט.
עלטערן און געשוויסטער ריבא קרוזפייץ

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער **מרדכי גרשון הוילינגער** מיט פרל. **הדס ריבא**, ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב. זאָל זייער צוקונפט זײַן א בליהענדע און גליקליכע.
שוועסטער און ברודער הוילינגער.

לאירושיה של ש״ב מ׳ **הדס ריבא** מקרוזפייץ עם ידידי מר **מרכי גרשון הוילינגער** מצינסטחוב, אנו מברכים אותם כברכת מזל-טוב חפה ולבבית.
משה ושרה רבקה רוס.

ברכות מאליפות ואחולים לבביים להכרנו **מרדכי גרשון הוילינגר** מצ׳נסטוחוב לארושיו את העלמה **הדס ריבא**. יתא רעוא, שזוגם יעלה יפה ותהי דרכם סוגה בשושנים
אברהם פיק, ליבוש פונטש, ישראל יצחק ברקוביץ,
יעקב זלינמאן, משה דוד פונטש, הרשל גראנק.

SAMUEL KATZ
Częstochowa, Panny Marji 20, tel. 212
איז צוריקגעקומען פון פּאַריז
און עמפּפעהלט זיך וויטער דער געעהרטער קונדשאַפט צום הערבסט און זומער - סעזאָן.
די נײַעסטע מאָדעלען פון פּאַלטען׳ס און קאָסטיומען.
אויף לאַגער אינלענדישע און אָריגינעלע אויסלענדישע סחורות.

עפענטליכע ערקלערונג
פון יודישען מאַלער-מײַסטער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו
אין גאַס האָבען זיך בעוויזען אויפרופען וועגען אָננעמען מאַלער-אַרבײַט פון פערשידענע נײַ - אויפגעקומענע „ערשטקלאַסיגע" מאַלער, וואָס נעמען כלומרשט אָן מאַלער-אַרבײַט.
מיר ערקלערען, אַז דער מאַלער-מײַסטער-צעך האָט מיט דעם אויבענ-דערמאַהנטען **אויפרוף נישט קיין שום שײַכות און קען נישט זײַן פעראַנטוואָרטליך פאַר די דאָזיגע פּאַטשקערײַ, וואָס רופען זיך מאַלער.**
זאָל די יודישע בעפעלקערונג דאָס נעמען אין אכט!
יודישער מאַלער-מײַסטער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

זאָלען אַלע וויסען!
כדי צוריקצוציהען מײַנע קונדען, צוליב׳ן אַרויסטריט פון קאָאָפּ. „טאַפּיצער" איז מײַן לאַנג - יעהריגע
טאַפּעציר - ווערקשטעטל ווייטער טעטיג
און איך האָב בעשלאָסען צו פערקויפען
מאַטראַצען פּרימאַ און דריליך, קאָזעטקעס, טאַפּטשאַנען, אָטאָמאַנען פון אַלע סאָרטען, מיט 35% ביליגער.
אויך איז פערהאַנען א גרויסער אויסוואַהל פון דעמבענע שטוהלען צו ביליגע פּרײַזען.
פאַר טישלער ספּעציעלער ראַבאַט.
געדענקט די אַדרעס:
א. אורבאַך, אַלעע 7.

STARSZY FELCZER W. DOBRYSZYCKI
Nowy Rynek 5, tel. 903.

אַכטונג!
דער נײַ-געעפענטער **מאַלערײַ - וואַרשטאַט**
בײַם צענטראַלען פאַרס. פעראַײן פון בוי-אַרבעטער אין פּוילען (מאַלער סעקציע) טשענסטאָכאָווער אָפּטײלונג 2-טע אַלעע נר. 21 אויפ׳ן הויף, לינקס 1-טער שטאָק נעמט אָן מאַלערײַ-אַרבײַט ווי:
אַלערלײַ שטובען - אַרבײַט, דעקאָראַציע, טאַפּעטירען און לאַקירען.
די אַרבײַט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער פעראַנטוואָרטליכער אָנפיהרונג פון ה׳ **א. פרידמאַן**
רעעל, גוט און פּינקטליך פאַר צוגענגליכע ביליגע פּרײַזען.
ווילט איהר האָבען די נײַעסטע מאָדערנסטע מוסטער׳ן פון אַלערלײַ מאַלער-אַרבײַטען, ווענדעט זיך גלײַך אין ביוראָ פון מאַלערײַ - וואַרשטאַט, וועלכער איז טעטיג יעדען טאָג פון 8 פריה ביז 8 אָוונד, 2-טע אַלעע 21, אויפ׳ן הויף, לינקס, 1-טער שטאָק.

אונזער מאראלישער נצחון.

די אונטערהאנדלונגען, וואס זענען געפיהרט צווישען דער יודישער אגענט און דער ענגלישער רעגירונג זינט עס איז פערעפענטליכט געווארען דאס פריערדיגע ווײַס-בוך, האבען זיך אין זייער ערשטען מאל געענדיגט מיט א מאראלישען נצחון פאר׳ן יודישען פאלק.

דארום אויב מען קען נאכנישט אור-טיילען אויף מיטאל די נײַע דעקלא-ראציע וואס דער ענגלישער פרעמיער האט אויסגעגעבען דעם פרעס. הײַנטמאל וועט האבען פאר׳ן אויפבוי פון ארץ-ישראל א פראקטישע בעדייטונג, ווײַל עס הערט אנגעהויבען אז אינ׳ם צווייטען מאל פון די פערהאנדלונגען זע-גען פערהאן אזעלכע ריכטיגע פראב-לעמען, וועלכע אויב זיי וועלען נישט גינסטיג ערלעדיגט ווערען, וועלען זיי האבען א נאך גרויסען איינפלוס אויך אויף׳ן ערשטען מאל, מוז מען דאך אבער אנערקענען, אז די ערפאלגען וואס מיר האבען פון דעם ערשטען מאל זענען פאר אונז א גרויסער און וויכטיגער מאראלישער נצחון.

די ענגלישע רעגירונג האט אין דער לעצטער דעקלאראציע עפענטליך צו-ריקגעצויגען די הויפט-פרינציפען פון פאספילד׳ס ווײַס-בוך, וועלכעס האט אזוי שרעקליך געטעהטעט די הערצער פון גאנצען יודישען פאלק, מאקדא-נאלד ערקלערט, אז ארץ-ישראל איז נישט נאר די היים פון די יודען וואס וואוינען דארט, נאר פון אלע פוליטי-גען יודען פון גאר דער וועלט. דער דאזיגער פרינציפ איז דאך דער הויפט-פונקט פון פאליטישען ציוניזם און פון דער באלפור-דעקלאראציע.

עס ווערען אויך אין דער לעצטער דעקלאראציע אפגעשאפט די בעגרע-נצונגען וועגען אימיגראציע קיין א"י און ערד-קויף דורך יודען, די בע-גרענצונגען, וועלכע דאס ווײַס-בוך האט פראפאנירט און וועלכע וואלטען עלול געווען צו פערניכטען דעם גאנ-צען יודישען ישוב.

אמת, עס איז געווען נאך צו פריה זיך צו פרעהען אויף דעם נצחון אזוי לאנג ווי די אונטערהאנד-לונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג זענען נישט אינגאנצען פערענדיגט, איבערהויפט קען מען זיך בעזארגען, ווײַל די פראגע וועגען שאפען דעם לעגיסלאטיוון - ראט אין ארץ-ישראל איז נאכנישט ערלעדיגט און די דאזיגע פראגע איז איינע פון די וויכטיגסטע, דארום מיט׳ן שאפען דעם דאזיגען פארלאמענט לויט דער פרא-צענט, וואס אונטערגעוויזען אין לעצ-טען ווײַס-בוך ווערט געמאכט א שרעק-ליכער אורטייל אויפ׳ן יודישען ישוב אין א"י.

אבער מען מוז אנערקענען אז אונ-זער מאראלישער נצחון האט א זעהר גרויסע און הילפיגע בעדייטונג. די ענגלישע רעגירונג, די מעכטיגע רע-גירונג פון גרויס-בריטאניען האט זיך דערשראקען פאר׳ן פראטעסט יודישען פאלק, פאר דעם עם-הנצחי און נישט קוקענדיג אויף איהר קאמפראמיטירען זיך פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, האט זי צוריקגעצויגען עפיציעל דאס ווײַס-בוך וואס זי אליין האט מיט עטליכע מאנאטען צוריק ארויסגעגע-בען.

די וועלט, די גאנצע קולטורעלע וועלט האט דאס געזעהן צו קענטיגנים און זיך ערנסט פערטראכטען וועגען דעם, אז דאס יודישע פאלק, וואס איז צושפרייט און צעזייט איבער דער וועלט, וואס האט נישט קיין טרעטען פון קיין הארמאניע, וואס בעזיצט נישט קיין ארגאניזירטע פיזישע מאכט, האט פארט מנצח געווען די גרויסע וועלט-מאכט, און דאס וועט אומבע-דינגט זיך זעהר גינסטיג אפרופען אויף דער לאגע פון יודישען פאלק און אלע גלות-לענדער.

זעהען מיר דאך און דאס זעהט די גאנצע וועלט אז דאס איבעריגע פאלק, וואס אזוי פיעל גרויסע און מעכ-טיגע פעלקער איבערלעבט, וואס האט אזוי בלוטיגע היסטאריע הינטער זיך בעזיצט א נעהמיגע איבערנאטורליכע קראפט, מיט וועלכער עס בעמיהט וועלכע האט איהר נעגעבען כח און מוטה איבערצולעבען די שרעק-ליכסטע, שוידערליכסטע רדיפות, שחי-טות און הריגות, און וועלכע האט עס נישט געלאזט אונטערגעהן.

דער הייליגער אידעאל פון שיבת ציון וואס איז זינט דעם חורבן געבלי-בען טיעף אײַנגעקריצט אין די יו-דישע הערצער, די אונענדליכע ליעבע פון יעדען יוד צו זײַן אור-אלטער היים, צו זײַן ארץ-אבות, וואס שטענדיג די גרעסטע שטרעבונגען און שרויכלונגען פון זײַן אויפלעבונגס-הען בעוויזען, די בלוטיגסטע שונאים פון זײַנע נאצי-אנאלע אידעאלען בעזיגט, און אונז אונזער דעם מאראלישען נצחון גע-בראכט. י. פ.

עס מוז געשעהן ווערען.

לעזענדיג אין דער „טשענסטאכא-ווער צײַטונג" נר. 7 אונ׳ם לייט-ארטי-קעל אונטער׳ן קעפעל „אפשר קען פארט עפּיס געשעהן ווערען". און וועל-כען איהר צעהפעלט ארויסצופיהרען אין דער עפענטליכקײַט דעם חולשה - רוף צו דער הײַגער יודישער בעפעלקערונג מענגען לינדערן די גרויסע נויט און פראסטקײַט וואס הערשט אין א גאנץ סך בכבוד׳ע שטובען פון געוועזענע נגידים, בנוי עס וואס אמך דערויף ארויסגערופען געמאכט א געוויסער אײַ-דעלער דאקטאר מיט א יודיש הארץ, וועלכער האט פאר אמך געשילדערט די פערצוויפעלטע לאגע, ווײל איך צו-געבען, אז עס מוז אומבעדינגט אין דער הינזיכט עפּיס געשעהן ווערען.

דעם שרײַבער פון די שורות איז אויך גוט בעקאנט דער טרויעריגער מצב אויף דער יודישער גאס, איבערהויפט פון די שטעטלדיגע אומבעהאלפענע מענשען, איך טראכט שוין לאנג וועגען דעם, אז עס מוז דורכאויס עפּיס געשעהן ווערען אויף דעם קאטאסטרא-פאלען הונגער און נויט געביטעט, און פ׳האב שוין מיט נאך איבעריגע מענשען אנגענומען אקציעס שרײַבער און דער הינזיכט. מיר טארען און דארפען מיט אופן נישט שטעהן בײַם שטורמישען ים און צוזעהן רוהיג ווי הונגער-טע מענשען מיט קליינע קינדער טרינקען זיך און די כוואליעס פון נויט און פײַן, און מיר גליקליכע שטעהן בײַם ברעג און שטרעקען נישט אויס אונזערע הענד זיי צו ראטעווען פון אונטערגאנג.

איך גלויב אז הגם דער שרעקלי-כער מצב פון דער יודישער בעפעל-קערונג בכלל איז יעדען בעקאנט, אבער און פרט איז פארט די אמת׳ע לאגע אונגלויבליך. צעהנדליגער בכבוד׳ע מענשען מיט קליינע קינדער שמאכ-טען גאנצע טעג אום א שטיקעל ברוי-טען ברויט צו האבען. דער פערראנגט-טער פאטער פון די קינדער נאכ׳ן טרומערעדען זיך א גאנצען טאג מיט׳ן שטעקעלע אין די אלעען, און נאך אלע זײַנע אנשטרענגונגען וואס ער קען ארשען נישט בעררנגט אויף א האלב קילא ברויט פאר זײַנע הונגע-ריגע פרוי און קינדער, דאס זענען נישט קיין פראזען אדער גלאטע פאר-שטעלונגען נאר לײַדער אמת׳ע פאק-טען.

מיר טארען דעריבער קײַן מנוחה נישט האבען, דאס הײַסט אין פוילען זײַן פון הערט לא תעמוד על דם רעיך, מיר מוזען מאביליזירען אלע אונזערע כחות אום וועלכע רעטונג צו שאפען לויט׳ן מוסטער פון אנדערע שטעדט און זעהן איינצואָרדנען א בילונג קוך וואו יעדער נאר בכבוד׳ער זאל קענען בעקומען נקיופט פאר א פאר גרא-שען א מיטאג מהשמנעשיקט ברוך כבוד. דאס איז אפילו נאר א הצלה פורתא, אבער פארט בעסער ווי גאר-נישט.

אויך מוז בײַ אונז געשאפען ווערען א פערמיטלונגס-אקציע צווישען יודי-שען ארבײַטער אין ארבײַטסגעבער, דאס ביורא זאל זעהען צו ווירקען בײַ אלע יודישע פאבריקאנטען אהן אויס-נאהם פון וועלכע עס זענען נאר מא-כען, אז זיי זאלען דורכאויס אויך צו-נעמען יודישע ארבײַטער, אויך אין אלע יודישע ווערקשטאטען זאלען זײַן בעשעפטיגט יודען.

כדי די זאכען אדורכצופיהרען מוז מען האבען גענוג קרעפטען און מיר בעטען זעהר די ענטשפרעכענדע מענ-שען אונזו פיזיש מיטצוהעלפען און זיך אין דער הינזיכטליכער אקציע אנצושליי-סען, און מיר קענען האפען אז בײַ א ערנסטער ארבײַט וועט מעגליך זײַן אין געוויסער מאס די גרויסע נויטען צו לינדערן.

ווער עס וויל אין דער אקציע אנ-טייל נעמען זאל זײַן אדרעס אויפגע-בען אין דער רעדאקציע „טשענסטאכא-ווער צײַטונג" אלעע 6. און דאמיט די מעטינקקט פון די אקציעס וועט שנעלער צו שאפען און אלעס און רעגעלען גאנג צו ברענגען.

בײַ אזא קאמפיציע וועט געשאפען ווערען מאכען מיר אויפמערקזאם די טשענסטאכאווער יודישע פרויען, אז עס זענען אין שטאדט פערהאנדען פיעל יודישע הײַזונג, וועלכע קענען זײַער פעך זעהר גוט. אויך פרויען וועלכע וואלען ריזיקען שפּינען מיט דער גרעס-טער צופרידענהייט, וואלען זײַ אויך די יודישע פרויען מיט די דערמאנטע ארבײַטען בעשעפטיגען.

גאנץ בעזונדער ווענדען מיר זיך צו די יודישע מצה בעקער, ווי ווי עס איז נאגאנט די צײַט פון מצות בע-קען בעטען מיר אײַך און אכט צו גע-מען אז בײַ דעם לחם עוני זאלען יו-דישע ארבײַטער בײַ אײַך בעשעפטיגט ווערען און אויך די קויפער פון די מצות וועלען דורך דעם האבען מצות מצוה.

פרויען וועלכע קענען וואשען און וואלען וואשען אדער ארבײַטען אנדע-רע געהעהנליכע ארבײַט וואלען אנגע-בען זייערע אדרעסען בײַם שרײַבער פון די דאזיגע שורות אגראדאווא 20.

מרדכי סודאַוויטש.

ווענדונג פון „אגודת הרבנים" אין פוילען.

(וועגען שיקען פעקלעך פסח׳דיג מעהל פאר די יודען אין רוסלאנד).

די „אגודת הרבנים" אין פוילען שיקט ארום צו אלע רבנים און קהלות א הײַסען אויפרוף און העלפען זײַ שפּעך-לינדערן צו די יודען אין פוילען, אז יעדער מענש זאל נעמען און אכט דעם פרווירינגען מצב פון אונזערע ברידער אין סאוויעט-רוסלאנד. וועלכע האבען זיך שטענדיג די ערשטע אנגערופען אויף יעדער דבר שבצדקה, און אונזט לײַדען זײַ משום הונגער און נויט.

דער חוב פון אונטערשטיצען אונ-זערע ברידער אין רוסלאנד — ווערט געוואגט און אויפרוף — אונז נאך גרע-סער אונזט פאר פסח ווען די רוסישע יודען האבען נישט קײַן מעהל אפילו אויף דעם כזית מצה.

זײַ ווענדען זיך דעריבער צו די רבנים און די קהלות אז זײַ זאלען וועקען די יודען דאס יעדער וואס האט נאר די מעגליכקײַט זאל שיקען מיני-מום איין פעקעט פון 5 קילא פסח׳דיג מעהל נישט קוקענדיג דערויף צו ער האט דארט א העלפען ס׳אנז קרוב אדער נישט.

צו דעם צוועק וואלען אין אלע שטעדט געשאפען ווערען ספעציעלע קא-מיטעטען וועלכע וואלען אויך זיך נע-מען די אויפגאבע צו זאמלען די מעהל פאקעטען צושיקען דער יודישער בע-פעלקערונג און זײַ בעזארגען קײַן רוסלאנד.

בעסער אבער אז יעדע שטאדט זאל אליין ארויסשיקען די פעקלעך לויט די אדרעסען וואס זי בעזיצט פון בעקאנ-טע יודען אין רוסלאנד, און ווער עס האט נישט קײַן אדרעס פון א וועלכען ס׳איז בעקאנטען קען פערלאנגען פון „אגודת הרבנים" אז זײַ זאלען אויס אויפגעבען אדרעסען.

בעזונדער קען יעדער איינער וואס וויל שיקען א מעהל-פעקעט קײַן רוס-לאנד, אײַנשיקען אין „אגודת הרבנים" 13 זלאטעס (פ. ק. א. נומ. 4637) צוזאמען מיט א בעזונדער פאסט-קאר-טע ווער עס איז דער מנדב, און זײַ וועלען דאס אוועקשיקען דירעקט קײַן רוסלאנד.

דער וואס שיקט א פעקעל דירעקט מוז וויסען דעם מודיע זײַן און „אגודת הרבנים" כדי מ׳זאל נישט געשיקט ווערען פאר דער זעלבער פערזאָן נאך א פעקעל ווײַל דאן ווערט איין פעקיל צוריקגעשיקט דורך דער מאכט, און דאס איז פערבונדען מיט גרויסע קאס-טען און שטראף.

עס מעג נישט דערמאנט ווערען אין די בריוו נאך רוסלאנד, אז דאס איז פסח׳דיג מעהל, נאר פשוט מעהל וואס יעדער שיקט אלס מתנה צו זײַן קרוב.

די אדרעס פון אגודת הרבנים איז:
Związek Rabinów w Polsce
Warszawa, Miła 63.

FORTEPIAN
okazyjnie do sprzedania
Wiadomość w redakcji.

א שעהן
מעבלירט צימער
צו פערדינגען
ערקונדיגען זיך אין ווײַנער-מאכער גע-שעפט ש. ווינטער אגראדאווע 27.

BIELIZNĘ damską, dzienną i nocną
w wielkim wyborze,
po cenach fabrycznych
poleca
M. Opatowski, Aleja 35
w podwórzu.

(30 דער פאלשער ברודער.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען און דײַטשלאנד אין 16-טען יאהר-הונדערט, די צײַט פון דרײַסיג יעהריגען קריעג.

פרײַ פון העברעאישען דורך: י. גלוזאהן

(פארטזעצונג)

יוסף האט נאך עטליכע מאל גע-פרובט זײַ איבערצוצײַגען פון דעם לע-קאל וואס זײַ האבען זיך אויסגעהאלט און זײַ אנצוהערען אז דאס איז פאר זײַ נישט פאסיג און ער וועט זײַ אויס-זוכען די בעסטע און בעקוועמסטע צימערן פון גאנצען פאלאץ, אבער וואס מעהר ער האט זײַ אײַנגעהאנדעלט אלס מעהר האבען זײַ פערשטאנען אז ער מוז און דעם האבען א געהיימע אורזאך, און אלס מעסער האבען זײַ זיך געהאלטען בײַ זײַער בעשלוס אז נאר די דאזיגע צימערן ווילען זײַ פער-נעמען און נישט קײַן אנדערע.

דער שטארקער און גרויזאמער זיי-מאן האט זיך געפונען שוואך און אונ-טערבונג אקעגען די יונגע און שרעג-נע מיליטער-לײַט, און ער האט זײַ גע-מוזט נאכקומען זאגענדיג:

נו, אויב איהר ווילט אזוי אײַנגע-שפּארט, אויב איהר האט זיך אײַנגע-בילדעט עפּיס א אונזין אז נאר אין די דאזיגע פערמאַרלערטע און בויפעליגע צימערן וועט זײַן פאר אײַך גוט, בין איך נישט דאגען, אבער געדענקט אז איהר זאלט שפּעטער נישט האבען צו מיר קײַן טענות אז איך האב אײַך גע-געבען צימערן וואס זענען נישט גע-אײַגענט פאר קײַן מענש צום וואוינען.

גענוג וועלען מיר צו דיר טענות האבען אויב די קוסטט נאך אונזער בוזע — האט יוסף געענטפערט — טלוגע מיר בלײַבען גוטע פרײַנד. און דו וועסט אין אונז האבען גוטע שכנים.

מאקס און יוסף האבען זיך געזע-גענט מיט זימאַנען וועלכער איז געבליבען שרעקליך דענערווירט, און זענען אוועק. ווען זײַ זענען ארויס פון צימער האט זיך זימאַן אונטערגעקערט אויף דער טאַבער וועגע וואס איז געשטאנען און זײַן קאבינעט, און ער האט זיך מיט פערטראכט:

עס זענען איהם פלוצים געקומען אויפ׳ן געדאנק די אמאליגע געשעהע-נישען. ער האט זיך אין מוח פערגע-שטעלט יענע שרעקליכע און שוידער-ליכע נאכט ווען ער האט זײַן גוטען און אײַדעלען ברודער אזוי מערדער-ליך אומגעבראכט, און פון זײַן פאַ-מיליע געמאכט א חורבן, און דער גרויזאמער מאן האט זיך פלוצים געפונזולט, נישט הערמליך אלײַן נישט היכערגונג פארשטעהן.

און נאך הײַסער טראכטענדיג האט זיך פערגעשטעלט דאס בילד פון מאק-סען, ער האט זיך נישט געקענט אפ-געבען קײַן רעכענונג פאר וואס דער אנ-בליק פון דעם דאזיגען יונגען מילי-טער-מאן האט עפּיס אויף איהם גע-מאכט א מאדנע אײַנדרוק. פאראוואס זײַן שטימע וועלכע ער האט הײַנטיג געהערט, ווײַל ער האט בכלל ווינציג גערעדט, האט איהם ווי געשטאכען מיט שארפע שפּיזען... אבער בעלד האט ער זיך געפונען, און זיך בע-רואיגט מיט פערטרײַבען פון זײַנע געדאנ-קען און דענערווירענדע פאנטאזיעס, ער האט זיך אויפגעכאפט זאגענדיג:

וואס איז עפּיס מיט מיר געווארען? צי בין איך שוין א אלטע שוואכע פרוי? וואס זאל זיך שפּילען מיט פאנ-טאזיעס.

אבער פאראוואס האבען זײַ עפּיס גערעט אויסגעקליבען די דאזיגע צי-מערן? — האט ער ווײַטער געטראכט און א געהײַמער ציטער איז אדורך איבער זײַן גאנצען קערפער — פון דעם גאנצען פאלאץ מיט זײַנע צעהנ-דליגער פרעכטיגע צימערן האבען זײַ גערעט זיך אויסגעקליבען די דאזיגע פלאץ בויפעליגע צימערן, וואס זאל דאס בעדײַטען? האבען זײַ אפשר א געוויסע כוונה דאבײַ? זענען זײַ נישט עפּעס קיין שפּיאָנען, וואס ווייסען זײַנע שרעקליכע געהײַמנים?

א לאנגע צײַט איז ער געבליבען מיט עפענע אויגען און געטראכט וועגען די דאזיגע יונגעלײַט מיט זײַער אויס-ערלישער האלטונג, אבער זימאן איז נישט פון די שרעקעדיגע מענשען, ער האט מיט געוואלט פון זיך פערטריבען די דאזיגע געדאנקען, און ער האט זיך פולשטענדיג בערוהיגט.

דאס זענען געהאנדעלט יונגע מי-ליטער-לײַט, וואס האבען זיך זײַערע משוגענע פרינציפּען, און דאס איז אלעס — אזוי האט ער בעשלאסען, און זיך גענומען רוהיג צו זײַן מעגלי-כער ארבײַט.

מאקס און יוסף זענען שטארק אין זײַער וואוינונג, און יוסף האט געזאגט:

עס מוז עפּיס דא זײַן א שרעקליכע געהײַמניס פערוואס ער האט אונז דורכאויס געוואלט אפהאלטען פון זיך בעזעצען אין די דאזיגע צימערן, ער מוז הײַנט אזוי מורא האבען אז זי-צענדיג דא וועלען מיר דערגעהן עס-וואס פון זײַנע שרעקליכע מעשים, מיר מוזען דעריבער אויספארשען דאס ארום אונזער וואוינונג און זוכען גענוי, מעגליך וועלען מיר עפּעס גע-פונען.

איך פערשטעה דאס אויך ווי דו, ברודער — האט מאקס געענט-פערט — אבער איך בין אזוי שרעק-ליך דענערווירט, דער דאזיגער גרוי-זאמער ברודער-מערדער האט מיך אזוי ערשוטערט, אז איך קען נישט קומען צו מײַנע געדאנקען, אז איך זאל טרא-כטען וואס מיר האבען ווײַטער צו טהון.

דאס איז נישט אויף קײַן מינוט — האט יוסף געזאגט — מיר טארען נישט זײַן פּחדנים, מיר מוזען הענדלען זעהר און זעהר פארזיכטיג, און דער עיקר קען אונז העלפען דער אלטער דניאל, ער איז אונז טרײַ, און ער איז אפשר דער אײַנציגער וואס ווייסט אלעס.

דו ווייסט מיר ענטשולדיגען, יוסף, ווען איך וועל דיר זאגען, אז איך קען נישט אזוי רוהיג זײַן ווי דו. עס קאסט מיך געזונט, יעדע מינוט וואס געהט אוועק פון לעדיג זיצען, איך וואלט מײַן גאנץ לעבען געשטרעבט צו זוי-כען וואו איך בין אין דער וועלט, וואו עס געפינט זיך מײַן ליעבע מוטער און נאכגעהער די טלק, זיך גוקט צו זײַן אין דעם דאזיגען שרעקליכען מענש.

איך פערשטעה דיך אויסגעצײַכענט — האט יוסף געענטפערט — איך פער-שטעה דײַן צוגלויבונג מאראץ און דײַן פערצווייפעלטע לאגע, אבער עס איז פערפאלען, דו מוזט לוייצען נאך וועל-כער האט דיך אונטערגעהוט געפיהרט אויף די רוקפונג שפורען פון דײַן פראנישער לעבענס-געהײַמנים. און איך בין זיכער אז מיט גאט׳ס הילף וועט אונז געלונגען צו קומען צום דורכזיכונג ציעל.

זאל אונז מאקס! הײַסער דער גאט פון ישראל פיהרען און געלעבען וועג און זאל איך נאך זעהען מײַן ליעבע מוטער... האט מאקס געזאגט און דא-בײַ זיך שטארק צוזאַנען.

א קלאפּ אין טיער האט זײַ איבער-ריסען, די טיער האט זיך געעפענט און אויף דער שוועל האט זיך בעוויזען דער אלטער דניאל מיט א פאקעט עסענספּרג און וואַגע.

(פארטז. קומט).

איש ירושלים.

בריעף פון ארץ־ישראל.

(סוף)

די אויטאָריטעט פון דער אספת הנבחרים איז דערפאַר געשעדיגט, און װעלענדיג ברענגען א אויסבעסערונג אין דעם צושטאַנד, װעלכע איז געשאַפען געװאָרען דורך די װאַהלען, זענען די אַרבײַטער גרײַט אָבצוטרעטען דעם פּרעזידענטען־זיץ ה׳ אוסישקין, און זײַ װעלען זיך בעגנוגען מיט א גרויסער צאָהל פערװאַלטונגס־מיטגלידער. װי ס׳װײַזט אויס, װעלען זיך אויך די אַנדערע פּאַרטײַען װעגען דעם פרעהען מיט דער גוטהערציגקײַט פון די אַרבײַטער. און עס איז גאַנץ מעגליך אז דער קרבן זאָל ניט געפינען קײן מזבח. ס׳איז שװער צו גלויבען, אז אוסישקין זאָל װעלען אננעמען די פּרעזידענטשאַפט, און אויך די אַלגעמײַנע ציוניסטען װעלען זיך ניט בעגנוגען מיט דעם װאָס די אַרבײַטער װילען זײַ געבען. די אַלגעמײַנע ציוניסטען האָבען איצט די מעגליכקײַט צו ערגענצען דעם שאַדען װאָס זײַ האָבען געליטען בײַ די װאַהלען, און זײַ װעלען דאס געװינס ניט פערנאַכלעסיגען און װעלען אויך פאָדערען א געהעריגע צאָהל מיטגלידער אין דער פערװאַלטונג.

דערװײַל אָבער פיהלט זיך שטאַרק די נויטיגקײַט צו שאַפען װאָס גיכער א פּערמאַנענט־פּאָליטישע פערטרעטונג פון׳ם ישוב׳ס אנגעלעגענהײַטען. אין לאָנדאָן װערען איצט געפיהרט פערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג און דער ישוב װערט אויפגעפאָדערט אנטײלצונעמען אין דער פּערמאַנענט־פּאָליטישקײַט פון די רעזולטאַטען. װאָס די פערהאַנדלונג װעט ברענגען. ה׳ רוטענבערג, דער פּרעזידענט פון׳ם איצטיגען ועד לאומי האָט זיך בעמיהט ניט אַקטיװ אנטײל צונעמען אין די פערהאַנדלונגען. ער איז ניט געפאָהרען קײן לאָנדאָן, װאו מ׳האָט איהם אײניגע מאָל אײַנגעלאַדען און ער האָט זיך בעגנוגענט מיט טעלעגראַפישע עצות אָדער דירעקטיװען פון דער װײַטענס. בײַם איצטיגען צושטאַנד אָבער האָבען װײַטע עצות ניט קײן גרויסען װערט. מ׳דאַרף זײַן אויפ׳ן פּלאַץ און זעהען און גרינדליך אונטערזוכען דעם גרענעץ־צושטאַנד און די בעדינגונגען, בײַ װעלכע די פערהאַנדלונגען דאַרפען און מעגען ניט קאָמפּראָמיטירט װערען. פערהאַן אויך אַנדערע אנגעלעגענהײַטען, װעלכע פאָדערען א באַלדיגען ענטשלאָסענעם ענטפער. למשל, די פראַגע פון דער ירושלים׳ער מוניציפּאַליטעט. די יודישע אינטערעסען לײַדען דערפון זעהר, די פּראָצענטועלע יודישע פערטרעטער האָבען דעמיסיאָנירט, און שוין מעהר פון א יאָהר װאָס אין ירושלים, װאו די מעהרהײַט אײַנװאוינער זענען יודען, װערט די מוניציפּאַליטעט געפיהרט געזעצליך אָהן יודען אנטײל.

די לעצטע צײַט איז אויך דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פיעל ערגער געװאָרען. ביז איצט האָט מען אין ארץ־ישראל כמעט ניט געפיהלט דעם קריזיס, װעלכער האָט געהערשט כמעט אין דער גאַנצער װעלט. ביז די לעצטע צײַט איז נאָך געגאַנגען אין ירושלים א בוי־בעװעגונג, װעלכע האָט בעשעפטיגט הונדערטער אַרבײַטער. איצט האָט זיך די בוי־בעװעגונג אָבגעשטעלט, און צוליב דעם שלעכטען קריזיס האָבען זיך כמעט אָבגעשטעלט די הכנסות פון פערשידענע צדקה — אָדער קולטורעלע אנשטאַלטען. עס מעהרען זיך באַנקראָטען, און מען האָט מורא, די באַנקען זאָלען ניט אָבשטעלען דעם קרעדיט. און בײַ ס׳איז נויטיג א ענדערונג אין׳ם אַלגעמײַנעם מצב, דאַרף מען א גוט אָרגאַניזירטע, אײנפלוסרײַכע, געזעלשאַפטליכע פערהאַלטונג, װעלכע זאָל האָבען א װערט אויך בײַ די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע אינסטיטוציעס.

טראָץ דער ניט גינסטיגער פינאַנץ־לאַגע האָט דער קרן־קימת בעװיזען צו דערלאַנגען א שעהנעם עקסטראַ אין זײַן טעטיגקײַט. דאס יאָהר זענען אָפיציעל רעגיסטרירט געװאָרען אויפ׳ן נאָמען פון קרן קימת 5 טויזענד דונאַם פון די 15 טויזענד דונאַם, װעלכע האַלטען אין געקויפט װערען אין עמק השרון (און דער פּלאַנטאַציאָנס־געגענד) מיט הילף פון די געלדער מצד די דרום־אפריקאַנער ציוניסטען. עס זענען אויך פערענדיגט געװאָרען אײַניגע קניות אַרום די קאָלאָניעס רחובות און נס־ציונה, װעלכע זענען בעשטימט פאַר דער „טויזענד קאָלאָניזאַציע". און דער לעצטער צײַט האָט מען אויך דערװאָרבען 2 טויזענד דונאַם אין א אַנדער אָרט, א טײל פון א גרויסען באָדען־קאָמפּלעקס, װאָס מ׳האָט איהם באַלד אײַנגעצאָהלט צו ערװערבען.

בריעף פון אנטװערפען.

די יודישע לאַגע אין אנטװערפען. — געגרינדעט אין אנטװערפען א פעראײַן פון טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט און פון אומגעגענד.

לײַדער איז די יודישע לאַגע אין אנטװערפען געװיס קײן פויגעלדיגע. אויב די יודישע לאַגע אויף דער גאַנצער װעלט איז ניט קײן גוטע, איז זי אָבער אין אנטװערפען פשוט א קאַטאַסטראָפאַלע. מען װאָלט געקאָנט לעבען, געהאַנדעלט, אָבער װאוהין? ניט מען לאָזט ערגיץ אַרײַן און ניט עס איז בעסער ערגיץ אַנדערש.

גלײַך נאָך דעם גרויסען קראַך מיט 2 יאָהר צוריק אין אמעריקא האָט אנטװערפען געקויפט נאָך פיהלען, װײַל דער דימאַנט־פאַך, אָדער בעסער געזאָגט דער דימאַנט־האַנדעל האָט זיך מעהרסטענטײל געשטיצט אויף די גוט־סיטואירטע לענדער מיט אמעריקא אין דער שפּיץ. און דעריבער האָט דער דימאַנט־האַנדעל זינט דאַן אָנגעהויבען צו װאַנקען, מען האָט װאָס אמאָל אַלץ מעהר פערקלענערט די פּראָדוקציע, סכלומר׳שט װאָס עס געהאָפט אז מען שטעלט אָב די פּראָדוקציע אויף 4 װאָכען, אָבער דאס גאַנצע פערגאַנגענע יאָהר האָבען געאַרבײַט אַמשר 10 פּראָצענט שלײַפער און הײַנט זענען אַרבײַטסלאָז צוריק 15 טויזענד סינדיקירטע אַרבײַטער, װעלכע בעקומען א געװיסע שטיצע, דערונטער אויך א געװיסע צאָהל יודען.

א דאָפּעלטע צאָהל יודען זענען פערהאַן ניט־סינדיקירטע, דאס איז פשוט צוליב נאַכלעסיגקײַט און יעצט שפּירען זײַ די פאָלגען.

נאָר אויב דעם אַרבײַטער איז שלעכט איז די לאַגע פון סוחר און פערמיטלער אונערטרעגליך.

װי בעקאַנט איז דער דימאַנט־האַנדעל געלעגען כמעט גענציג פּראָצענט אין יודישע הענד און די יודען האָבען איהם געבראַכט אויף דער העכסטער שטופע און האָבען צװישען זיך געצעהלט א היבשע צאָהל מיליאָנערען, װעלכע האָבען געשטיצט די פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע אנשטאַלטען אויף דעם נאָר ברײַטען שטאַגער, זײער לאַגע איז אָבער הײַנט לײַדער אונטערגעשטעלט אויף דאס לעצטע — און דאס רופט זיך אָן אויף אַלע אַנדערע בראַנזשען. די װעלט־בעריהמטע אויסשטעלונג „צענטראַלע", װאָס האָט געהאַט קלאַסאַלע הכנסות און נאָך גרעסערע אויסגאַבען װעקט יעדען טאָג אין דער יודישער פּרעסע אז מען זאָל איהר בעצאָהלען די ריקשטעהענדע חובות, װײַל זי האָט הײַנט אונגעהויערע אויסגאַבען. עס האָט זיך אויך אין אנטװערפען לעצטענס געגרינדעט א בית־לחם, װעלכער שטרענג פערטײַלט די גבאַבור׳ע מענשען מיט פעקלעך שמה.

נאַטירליך פעהלען אויך ניט קײן אָפּטימיסטען, װאָס זאָגען אז די װעלט געהט נאָך ניט אונטער און אז מען װעט נאָך בײַם דימאַנט־פאַך מאַכען א לעבען, הלואי זאָל עס זײַן אמת!

מיט א געװיסער צײַט צוריק האָט זיך געשאַפען אן איניציאַטיװ־גרופּע מיט׳ן צװעק צו גרינדען א טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט־פעראײַן. עס איז געגעבען געװאָרען א מעלדונג אין דער פּרעסע, אויך זענען צושיקט געװאָרען אײַנלאַדונגס־קאַרטען, אז דעם 11 יאַנואַר ד. י. װעט פאָרקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג פון טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט־פעראײַן. עס זענען געקומען העכער 50 לאַנדסלײַט, דערונטער אויך אַזעלכע, װאָס זענען שוין צעהנדליגער יאָהרען אַװעק פון טשענסטאָכאָװ, װעלכע האָבען זיך גערן אָנגערופען אויף דעם רוף פון דער איניציאַטיװ־גרופּע און פערשפּראָכען זײער לעבהאַפטען אנטײל. עס איז דאַן געװעהלט געװאָרען א פּראָװיזאָרישער קאָמיטעט אויסצואַרבײַטען סטאַטוטען, שאַפען מיטגלידער און װי אַמשנעלסטען צונויפצורופען אַן אַלגעמײַנע פערזאַמלונג.

אין קאָמיטעט זענען געװעהלט געװאָרען: ליפשיץ (פּרעזידענט), בולחיק, נאַמײַנער, פּרײַערמויער יוסף, פּרײַערמויער אברהם, קאַנאַרסקי (סעקרעטאַר) און ראָזענבלום.

דער צײַטװײַליגער קאָמיטעט האָט זעהר אינטענסיװ געאַרבײַט, ער האָט אָבגעהאַלטען א רײַהע זיצונגען, געשאַפען דעם סטאַטוט.

דעם 25 ד. ח., דעם פערגאַנגענעם זונטאָג האָט דער קאָמיטעט צונויפגערופען אַן אַלגעמײַנע פערזאַמלונג, אויף װעלכער עס זענען געקומען א היבשע צאָהל מיטגלידער, װי אויך טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט פון בריסעל װעלכע זענען ספּעציעל צו פאָהרען.

דער פּרעזידענט פון צײַטװײַליגען קאָמיטעט ה׳ ליפשיץ עפענט די פערזאַמלונג און בעגריסט אַלע אנװעזענדע, װי אויך די געסט פון בריסעל און װינשט אז דאס נײַ־געבוירענע קינד זאָל גרויס װערען, װאַקסען און מען זאָל דערפון פיעל נחת האָבען.

דאַן בעגריסען דעם פעראײַן די ה״ה הערשליקאָװיטש און שליטאָװסקי אַלס פאָרזיצער פון די טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט און װינשען דעם פעראײַן אריכת־ימים.

נאָכ׳ן אויסװעהלען א פאָרזיצער און 2 בײַזיצענדע לעזט דער סעקרעטאַר ה׳ קאַנאַרסקי די סטאַטוטען־פּונקטען און אַלע װערען אײנשטימיג אָנגענומען.

די הויפּט־פּונקטען לויטען: 1) צום פעראײַן פון טשענסטאָכאָװער לאַנדסלײַט און פון אומגעגענד קענען געהערען אַלע לאַנדסלײַט אָהן אונטערשיעד פון געשלעכט און עלטער. 2) דער פעראײַן איז ניט קײן פּאָליטישער, דאס הײַסט, אז יעדער װאָס האָט נאָר א גוטען װילען קען מיטאַרבײַטען און פעראײַן לטובת אַלע לאַנדסלײַט. 3) דער פעראײַן איז געשאַפען מיט׳ן ציעל פון זעלבסטהילף, כדי יעדער לאַנדסמאַן זאָל געפינען זײַן ברודערליכע היים. די װײַטערע פּונקטען זענען אָנגעפּיקעט מיט כל־טוב. הלואי זאָל מען זײַ קענען אויספיהרען...

עס װערט אויך פערגעשלאָגען, אז אַזוי װי עס האָט אין בריסעל ניט געגרינדעט װערען קײן פעראײַן, זאָלען זײַ זײַן פערטרעטען אין דער אַנקומענדער פערװאַלטונג מיט 2 מיטגלידער.

אין דער נײַער פערװאַלטונג װערען געװעהלט פון אנטװערפען: ליפשיץ דוד, פּרעזידענט, בולחיק װעלף, װיצע־פּרעזידענט, שטולמאַכער יהושע, קאַסירער, ראָזענבלום י. ד., סעקרעטאַר, פּרײַערמויער אברהם, מאַנער יוסף, נאַמײַנער שמעון און פון בריסעל הערשליקאָװיטש, פונטאַדוס. רעװיזיאָנס־קאָמיסיע, פּרײַערמויער יוסף, שװאַרצבערג יעקב.

און א געהויבענער שטימונג שליסט דער פאָרזיצער די פערזאַמלונג.

עס איז אויך געפאַלען אויפ׳ן טיש עטליכע הונדערט זלאָטעס פרײַע שפּענדונגען.

דוד ליפשיץ

װאָס געהערט װאָס געזעהן.

ויקחו לי תרומה.

זאָלען אַלע יודען אַרײַנגעבען א מאָל פון זײַער פערמעגען צושטײַער פאַר׳ן משכן, פאַר נאָכדעם האָט מען זאָל דאַװענען און לערנען (פון דער סדרה).

די חבֿרה „מחזיקי הדת" ראַנגעלט זיך מיט א שרעקליכען קריזיס, אויך אין זײַער הויז דאַװענט מען און מען לערנט תורה, און זײַ דאַרפען אז יודען זאָלען זײַ געבען תרומה, האָבען זײַ אַרויסגעלאָזט א אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג מיט א אַפּעל העלפען מנדר זײַן נדבות פאַר׳ן מחזיקי הדת.

יודען האָבען עס מקיים געװען, און װי מען דערצעהלט איז דעם לעצטען שבת געפאַלען א היבש ביסעל נדרים פאַר׳ן מחזיקי־הדת. ס׳דאַרף אָבער ניט בלײַבען בלויז בײַם מנדר זײַן, מען דאַרף דאס דאָזיגע נדר געלד אײַנצאָהלען און דאַמאָלס װעט מען באמת מקיים זײַן דעם פּסוק, ויקחו לי תרומה.

אונלעגאַלע „סוחרים".

אין דער ערשטער אַלעע 4 שטעהען עטליכע יודישע בײַגעל הענדלער, און פערדינען א טאָג עטליכע גראָשען אויף ברויט. קען די פּאָליציי ניט צוקוקען װי אַזוי א ערליכער בײַגעל־הענדלער װאָס געהט אין א צעריסענעם מלבוש זאָל שטעהן א גאַנצען טאָג אויף אַזא ביטערע פראָסט אין מיטען גאַס און געפרוירען װערען. האָט מען זײַ געהײסען, זיך זעצען בײַם [illegible] אויבען, האָבען זײַ אָבער א מיאוסע טבע און װילען ניט פאָלגען און שטעהען דוקא מיט׳ן קויש און שרײַען נאָך מיט חוצפּה: 2 בײַגעל פאַר 15 גראָשען! 2 בײַגעל! כאַפּט װײַבעלעך! װאַרימע בײַגעל! נו מוז שוין די פּאָליציי אביסעל ענערגישער אונטערנעהמען און פּשוט זײַ אָנגעהויבען צו טרײַבען מיט כח, און װען דאס האָט אויך ניט געהאָלפען האָט מען אויף זײַ געמאַכט פּראָטאָקאָלען, מען האָט זײַ גענומען צו שאַנדען, יענע װעגען אַנטלויפען, די פּאָליציי האָט געמוזט נאָך הינטער זיך און מאַקי באַלד כהרף עין זענען אָנגעקומען פּאָליציאַנטען און אַלע זעמען און עס האָט זיך אָנגעהויבען א געיעג, אז די גאַנצע גאַס איז געװאָרען שװאַרץ פון מענשען, ענדליך האָט מען דעם חברה׳מאַן געכאַפּט און מיט גרויס פּאַראַד אָבגעפיהרט אין קאָמיסאַריאַט אַרײַן.

צװײ קומען פאַר די דאָזיגע אַבלאַטעס מאָג מעגליך, אָבער צײַכענט זיך אויס אײן פּאָליציאַנט, װעלכער האָט, װי עס װײַזט אויס, זיך ספּעציאַליזירט אויף דעם געביעט, און יעדען פּאַראַנאַכט זוכט ער זײַ אַרום די בײַגעלהענדלערינס און בײַגעלהענדלער און דער אַלטער און מאַכט פּראָטאָקאָל און נישט זוכט ער זײַ און די הויפען, ישטקס, געהעלבער און אומער די פּאָליצײַניקעס, און מעהרסטענטײל געלונגט איהם צו פערכאַפּען א קויבעשער מיט בײַגעל, און עס אָבצוטראָגען אין קאָמיסאַריאַט אַרײַן.

װי איהר זעהט צײַכענט זיך אונזער פּאָליציי זעהר ניט אויס מיט׳ן אויסזוכען די אונלעגאַלע „סוחרים".

פון האָלץ — פּאַפּיר.

אז משיח װעט קומען — נעהט מען — װעט א פעלקס־לעגענדע — װעלען מיר געהן אויף א פּאַפּירענער בריק און װעלען ניט אַרײַנפאַלען און אַנדערע װעלען געהן אויף א אײַזערנע בריק און װעלען יא אַרײַנפאַלען.

אויך איז פערהאַנען א משל װי פון דעם האָלץ װערט פאַבריצירט פּאַפּיר, צו דעם מוז מען האָבען פערשידענע כעמישע מיטלען.

איך האָב אָבער אויסגעפונען א אַנדער מיטעל װי פון גאַנצע מענגעס האָלץ צו פערװאַנדלען אין פּאַפּיר, בעסער געזאָגט, פון הילצערנע װענד מאַכען פּאַפּירענע װענד.

עס האָט איהר א בײַשפּיל, אויף דער מאַרשאַלקאָװסקער גאַס זענען פערהאַנען עטליכע הילצערנע פּלויטען, װען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבײַט זענען זײַ נאָך געװען האָלץ און װען איך בין אַהײם אויף מיטאָג זענען זײַ פערװאַנדעלט געװאָרען אין פּאַפּירענע װענד, מיט די פּאַפּירענע קײַלעכיגע פון מאַגיסטראַט אויף די פערשידענע ליציטאַציעס װאָס מען מאַכט די בעפעלקערונג.

די יעניגע, װאָס פערגעסען זיך מיט כעמישע מיטלען דאַרפען װעגען דעם זיך פערטראַכטען, אפשר װעלען זײַ דערפון עפּעס א נוצען האָבען...

הפטרות.

די צײַטונגען מעלדען װעגען א אויסערגעװעהנליכען כוליגאַנישען אָנפאַל פון „רויטע" אויף די מערעס סענאַטאָרע און מיטראָשען.

דערבײַ קומט פאַר א פּאַרטײַאישער קאַמף, װעלכער עס נעהמט מיך קנאַפּ אָן, אָבער דער פאַקט, אז פּאַרטײַאיש פאַלט מען אָן אויף אַ סאַנאַטאָריום, װאו עס זענען פערהאַנען קלײַנע אומשולדיגע קראַנקע קינדערלעך און מען מאַכט א װיסטען פּאָגראָם, דאס איז שוין ממש ניט צו פערשטעהן. סײַדען אז מען װעט עס פערטײַדיגען דערמיט, װאָס עס איז א סימן פון דער הײַנטיגער דעמאָראַליזירענדער צײַט...

יענע װאָך האָט אײן יוד צוליעב א סכסוך דערשטאָכען מיט א מעסער א צװײטען יודען. איך װעל ניט אַרויסגעבען דעם נאָמען פון דעם מעסער־שטעכער, װאָרום איהר אַלע װײסט מסתמא װער דאס האָט געטהון און איך בין ניט אויסען איבערצײַגען קײן פּראַקטיק פון דעם געשעהעניש, איך װיל נאָר בעמערקען, אז װײַל דער פּראָװינצער צופאַל האָט געקענט טרעפען און אונזער שטאָדט און צװישען יודען איז אויך א סימן פון דער הײַנטיגער הפקר׳דיגער צײַט.

אז מען האָט ניט קײן גענוג געלד, רופט מען ניט קײן דאָקטאָר.

איך האָב געלעזען דאס אַרטיקעל פון ה׳ ש. ניעמירעװסקי װעגען דעם אז די דאָקטוירים לאָזען ניט אַרבײַט פון די פּרײַזען, האָב איך זיך דערמאָנט אין א פאַקט פון א דאָקטאָר װאָס איך װעל דאָ דערצעהלען.

צו א האַנדװערקער װעלכער איז שוין לאַנג קראַנק האָט מען גערופען א דאָקטאָר (שוין ניט דאס ערשטע מאָל) און װען מען האָט איהם געגעבען פאַר דער װיזיט 5 זלאָטעס האָט ער ניט געװאָלט נעמען נאָר געפאָדערט גאַנצע 10 זלאָטעס, װען די פרוי האָט מיט טרעהרען אין די אויגען איהם געזאָגט אז זי האָט ניט מעהר, אז דעם מאַנ׳ס קראַנק האָט זי ברלות געמאַכט און האָט שוין ניט װאָס צו פערקויפען, האָט זיך דער דאָקטאָר אומגעבויגען און אויסגעשריגען, אז מען האָט ניט קײן געלד רופט מען ניט קײן דאָקטאָר.

אמת עס זענען פערהאַנען אײדעלע דאָקטוירים, װאָס נעמען ניט בײַ קײן אָרעמע קראַנקע קײן גראָשען געלד, דאס זענען אָבער „פּריצים" אָדער געגנים װאָס מען רופט זײַ. די עלטע דאָקטוירים זענען אָבער ניט קײן פּרײַערים און האַלטען זיך אַװעקנעמען דעם לעצטען גראָשען.

דאס קינד איז שוין מיט מזל געבוירען געװאָרען, דער ברית איז אָבער נאָך ניט פאָרגעקומען.

די פעראײניגונג פון די צװײ קלײנהענדלער־פעראײַנען איז שוין מיט מזל פאָרגעקומען, דעם לעצטען שבת צו־נאַכטס זענען זיך אין דער װאוינונג פון חזן רב מודער צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטען פון בײדע קלײנהענדלער־פעראײַנען און מען האָט אָנגעהויבען װידער צו רעדען װעגען א פעראײניגונג.

איהר קענט זיך שוין פאָרשטעלען, װאָס פאַר א שטאַרקע װעהען די קימפּעטאָרין האָט נעבוך געהאַט און עס איז געװען א סכנה, אז סוף כל סוף װעט זי געבוירען א טויט קינד.

מיט גאָטס הילף איז ענדליך נאָך עטליכע שעה ערהאַרטונגען און שטרענגונג דעך געלונגען אָבצונעמען א לעבעדיג קינד. דאַן האָט זיך אָבער געמאַכט ענגערע שטרײַטיגקײַטען, די פּאַ־

ווער האט דאס רעכט צו פיהרען א האנדווערקער - ווערקשטאט?

די פראגע איז אין ערשטען אויגענבליק זעהר קלאר. דאס רעכט צו פיהרען ווערקשטאטען האבען לויט'ן אינדוסטריע-געזעץ די יעניגע, וועלכע האבען ביז דעם 15 דעצעמבער 1927 זעלבסטשטענדיג געפיהרט זייער ווערקשטאט.

נאכ'ן ארייננעהן אין קראפט פון דעם געזעץ, האבען אויך דאס רעכט צו פיהרען א ווערקשטאט די פערזאָנען, וועלכע וועלען ביים פעלדען אין דער אינדוסטריע-קאמער פון דער ערשטער אינסטאנץ פערלענגען א מייסטער-בריעף, אדער א בעשטעטיגונג פון בעלערנען א געזעלען עקזאמען און א בעשטעטיגונג פון א 3 יעהריגע פראקטיק אלס געזעלען.

אויסער די האבען דאס רעכט זעלבסטשטענדיג צו פיהרען די מלאכה פערזאָנען, וועלכע האבען געענדיגט איינע פון די שולען, וועלכע זענען אויסגערעכענט אין די פעראָרדנונגען פון מיניסטער פאר אינדוסטריע און האנדעל פון 14 דעצעמבער 1927 Dz. U. R. P. № 118|27 poz. 1014.

א חוץ דעם קען דער ווערקשטאט געפיהרט ווערען נאכ'ן טויט פון דעם בעל-מלאכה דורך זיין אלמנה אדער מינדעריעהריגע קינדער. די אלמנה לויט ווי עס זעהט פאר דאס געזעץ, מעג פיהרען דעם ווערקשטאט אין דעם פאל אויב נערעכטליך איז זי געווען זיין פרוי און איז נישט געווארען בעזעצינט אלס יורש. דאס רעכט פערלירט זי אויב זי וועט צום צווייטען מאל חתונה האבען. אויס'ן רעכענונג פון די מינדעריעהריגע קינדער קען מען אזוי לאנג פיהרען דעם ווערקשטאט ביז צו דער צייט פון זייער פוליעהריגקייט. אין ביידע פאלען מוז אנפיהרען מיט דעם ווערקשטאט א פערזאָן וועלכע ענטשפרעכט די בעדינגונגען פון ארט. 145 פון אינדוסטריע-געזעץ.

אויב א האנדווערקער האט א פיליע מוז דער לייטער זיין א פערזאָן, וועלכע ענטשפרעכט די פאדערונגען פון ארט. 145 פון אינדוסטריע-געזעץ.

אויך געוויסע פערזאָנען (אקציען געזעלשאפטען, קאאפעראטיווען א. א. וו.) קענען בעקומען א האנדווערקער קארטע אויף זעלבסטשטענדיג צו פיהרען די מלאכה. עס איז פערשטענדליך, דאס אויך זיי מוזען האבען א לייטער, וועלכער וועט ענטשפרעכען די בעדינגונגען פון א בעל-מלאכה, וועלכער הויבט אן צו פיהרען זעלבסטשטענדיג די מלאכה.

די מלאכה קען אויך געפיהרט ווערען לעגאל אלס הויז-אינדוסטריע. דאס קומט פאר אין אזא גרויסע צאהל און אונטער פערשידענע פארמען, דאס עס איז שווער די פראגע צו בעטראכטען אין בעזונדערען ארטיקעל.

אין דער ערשטער ריי איז ווערט זיך צו אפשטעלען מיט דער אויספיהרונג פון מלאכה אלס נעבען-ברענזשע. אין רעכענונג נעהמען ערשט הויפטזעכליך די פאבריקען. אלס ביישפיל: ביי א ברויערייע קוימענער א שלאסעריי, וואס פיהרט אויס אלע ארבייטען, וועלכע האבען א צוזאמענהאנג מיט שמידעריי, שלאסעריי, מעכאניק א. א. וו. ווי די שלאסעריי איז נישט קיין זעלבסטשטענדיגע און עקזיסטירט נאר דערפאר, ווייל די ברויעריי האט זי איינגעארדענט פאר איהר איינענעם געברויך, איז אויף איהר פיהרונג נישט נויטיג צו בעזיצען א האנדווערקער-קארטע און דער לייטער דארף אויך נישט ענטשפרעכען די בעדערפענישען פון ארט. 145 פון אינדוסטריע-געזעץ. די שלאסעריי איז נישט דערלויבט אויסצופיהרען ארבייטען פאר אנדערע פערזאָנען, דען אין דעם פאל, וועלט עס געמיינט אומלעגאל פיהרען די מלאכה. אויב די לייטונג פון דער ברויעריי וויל בילדען שילער, מוז דער לייטער פון ווערקשטאט בעזיצען א מייסטער-דיפלאם און אין דעם פאל אונטערליגען די שילער די פערשריפטען, וועלכע זענען פערבונדען געווארען אין צוזאמענהאנג מיט דער בילדונג פון שילער.

דער אופן פון ארבייטען אלס נעבען-מלאכה איז נישט ענדליך פאר די בעלי-מלאכות, דען עס ווערט געפיהרט אין די רעהמען פאר דער אינדוסטריע און פאר זייערע בעדערפענישען און אויף זיין רעכענונג און דערלויבט נישט צו פיהרען א קאנקורענץ מיט דעם בעל-מלאכה. איבעריגענ'ס, דאס אינדוסטריע-געזעץ רעדט וועגען דעם גאנץ דייטליך און עס קען נישט ווערען אנדערש אינטערפרעטירט.

דאס זעלבע האט אויך א שייכות, אויב אין אן האנדווערקער-ווערקשטאט ווערען געפיהרט עטליכע מלאכות. אלס ביישפיל: א שמיד האלט ווערקשטאטען פון רעדער - אויסארבייטונג, מאשינערייע און לאקירעריי און פיהרט אויס אלערלייא קאטשען, וואגענ'ס. דער שמיד האט דאס רעכט אויסצופיהרען אלערליי ארבייטען, וועלכע זענען נויטיג, כדי אויסצופערטיגען די בעשטעלטע אויסארבייטונג פון א ספעציעלער ערלויבניש. עס איז אבער נישט דערלויבט אונדערעס אויסצופיהרען אזעלכע ארבייטען פאר די אנגענער, וועלכע געהערען נישט צו זיין פאך. ער מעג אויספיהרען שפידער-רעפאראטורען און אפילו פון די רעדער, אויב דער וואגען ווערט אין זיין ווערקשטאט אויסגעפערטיגט ווערען, ד. ה. בעשמירט און לאקירט. ער מעג אבער נישט אנגעהמען א וואגען נאר צו לאקירען אדער פאר מאפיצעריי-ארבייט. דאס וואלט געהייסען פיהרען אונלעגאל די מלאכה, אם מעהרסטען איז נישט-קלאר די פראגע פון הויז-אינדוסטריע. לויט דעם אינדוסטריע-געזעץ איז די הויז-אינדוסטריע געפיהרט אויסשליסליך מיט דער הילף פון פערזאָנען, וועלכע געהערען צו דער פאמיליע פון דער הויז-בעריגונג.

אין דער ווירקליכקייט שטעלט זיך די פראגע פאר זעהר נישט קלאר, דען עס איז שווער אפצושטעלען אין וועלכען פאל איז דאס הויז-אינדוסטריע און ווען דארף עס בעטראכט ווערען אלס מלאכה, וועגען דעם אין א צווייטען ארטיקעל.

מ. קרעמסקי

ענדליך ווערט עס איינגעארדענט.

מיט א יאהר צוריק, זעהענדיג די געפאהר פון סוחר'טום בכלל און פון יודישען בפרט, האט אויך אויפמערקזאם געמאכט די היגע הנדווערקערליכע ארגאניזאציעס אויף זייער פליכט עטוואס מעהר זארגען פאר דער עקזיסטענץ פון זייערע מיטגלידער און דערבעי אנגעהויבען, אז זיי דארפען פון צייט צו צייט איינארדנען אלגעמיינע פארטרעגען וועגען פערשידענע הנדווערקערליכע פראבלעמען.

און א ספעציעל דערצו געווידמעטע ארטיקעל א. ג. „דאס סוחר'טום אמאל און היינט" האב איך אנגעוויזען אויף די פערענטווארטליכע ראָל פון סוחר און הנדווערקער-געזעלשאפטליכען לעבען און די היינטיגע צייטען.

דער היינטיגער סוחר, זאגאר דער נישט-פארדערנער מוז דורכאויס בעזיצען געוויסע הנדעלס-וויסענשאפטען כדי ער זאל האבען די נויטיגע זעלבע אָריענטאציע, אויף וועלכע עס בעזירט די פאלקס-ווירטשאפט.

דער ציעל פון ווירטשאפטליכען לעבען אין דער געזעלשאפט איז פעסטצושטעלען דעם גאנצען קאמפלעקס ערשיינונגען, וועלכע שאפען דאס דאזיגע לעבען, און כדי דעם דאזיגען ציעל צו דערגרייכען מוז מען אונטערזוכען און אנאליזירען די איינגעשאפטען פון די דאזיגע ערשיינונגען די סבות, וועלכע עס רופען זיי ארויס און די קאנסעקווענצען, וועלכע זענען דער המשך פון די סבות, ד. ה. מען דארף זוכען די פונדאמענטען אויף וועלכע דאס ווירטשאפטליכע לעבען בעזירט און פון דעם ערשט שאפען פאר דעם די צוגעגליכטע געזעצען.

אזוי דער סוחר ווי דער בעל-מלאכה קענען זיך נישט בעגרענעצען אין די ד' אמות פון פרנסה'ער אונטערנעהמונג, נאר זיי מוזען זיך בעקענען מיט די איינגעשאפטען פון דער פאלקס-ווירטשאפט, כדי צו קענען קריטיש אבשאצען די אלגעמיינע וואכלאגע בכלל און זייערע איינענע אונטערנעהמונגען בפרט.

מיר דארפען גלויבען, אז דער הויפט ציעל, וועלכען די איניציאטארען פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס האבען זיך געשטעלט ביי דער גרינדונג פון די דאזיגע איז געווען דאס פלעגען די מיטגלידער מיט די נעהעריגע עלעמענטארע פרינציפען פון זעלבסט-בעוואוסזיין, זעלבסט-קריטיק און דער עיקר די זעלבסט-אריענטאציע.

די דאזיגע ארגאניזאציעס האבען אבער ביז-איצט גארנישט געטהון אויף דעם דאזיגען געביעט, אין דער צייט, ווען דאס דארף זיין דאס פערטיידיגונגס-מיטעל פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס.

ה' מ. קרעמסקי, אין זיין ארטיקעל אין פאָריגען נומער „טשענסט. צייטונג" א. ג. „וועגען געזונד מאכען די בעציהונגען אין האנדווערק", האט זעהר ריכטיג בעמערקט, דאס מען דארף מיטהעלפען צו דער העכערונג פון דעם אינטעלעקט ביי דער האנדווערקער-יוגענד, דען דאס לעבען איז אויף דער זייט פון די שטארקע און פערנומען אלץ, וואס איז שוואך".

און אונזער פאָדערונג צו די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס וועגען איינארדנען רעפעראטען פאר סוחרים וועלכע מיר האבען אויבען דערמאנט, האבען מיר גלייכצייטיג אנגעוויזען, אז מיר האבען אין אונזער שטאדט גענוג קרעפטען, וועלכע וועלען זיך דער דאזיגער ארבייט ווידמען און זי ווי געהעריג אדורכפיהרען.

ערשט איצט איז די טשענסטאכאווער האנדעלס-קאמער געקומען צו דער איבערצייגונג ווי וויכטיג עס איז איינצוארדנען די דאזיגע האנדעל און אינדוסטריע-רעפעראטען און זי האט אנגענומען א בעשלוס דאס איינצופיהרען אין לעבען. די רעפעראטען וועלען פארקומען אין די גרעסערע שטעדט פון דער קעלצער וואיעוואדסטווא און וועלען קענען בעקענען די הענדלער- און אינדוסטריע-קרייזען מיט די טעאָרעטישע האנדעלס-וויסענשאפטען און די נויטיגע ידיעות וועגען האנדעלס-אינדוסטריע און ווירטשאפט-פראגען.

דאכט זיך אז צום בעשלוס פון צום קעלצער מאכט, אז ס'איז די האנדעלס-קאמער, וועלען זיך שוין נעהמען די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אונטערשטיצען.

ל. קאפינסקי

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען טישלער און דרעקסלער - צעך.

זונטאג, דעם 15-טען אין מאָרגען, ביי 50 אנוועזענדע טישלער און דרעקסלער-מייסטער האט דער סטארשי פון צעך ה' ל. קאץ די אלגעמיינע פערזאמלונג.

נאכ'ן איבערלייענען און אננעמען דעם טאג-ארדנונג גיט ה' ר. קאניעצפאלער א דעם טעטיגקייטס-בעריכט, פון וועלכען עס ווייזט זיך ארויס, אז דער צעך צעהלט 87 מיטגלידער, עס איז אויך זעהר פיעל דורך דער פערוואלטונג געטהון געווארען אויפצובעסערען די עקאנאמישע לאגע פון די מיטגלידער, אבער צוליעב דעם אלגעמיינעם קריזיס און דער קליינער פערשטענדניס פון די מיטגלידער פאר דער זאך, האט מען ווייניג דערגרייכט אויף דעם געביעט. נאך א קורצער דיסקוסיע ווערט דער בעריכט אנגענומען.

דער קאסע-בעריכט ווערט אנגעגעבען דורך ה' י. עפשטיין, וועלכע ווערט אהן דיסקוסיעס בעשטעטיגט.

עס ווערט דאן אנגענומען דער פערשלאג פון ה' ל. קאץ, אז אלע יודישע טישלער און דרעקסלער זאלען ביז'ן 20 מערץ זיך בעטייליגען צוזאמענטרעטען צו די מייסטער - עקזאמען'ס כדי צו בעקומען די דיפלאמען. אין געגענזאץ וועלען די יודישע האנדווערקער פערלירען דאס וואהל-רעכט צו די האנדווערקער-קאמערען און אויך יעדען איינפלוס.

עס ווערען אויך אנגענומען פערשידענע רעזאלוציעס, ארייגעטראגען פון ה' קאניעצפאלער.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען טישלער און דרעקסלער-צעך דעם 15 פעברואר בעשליסט זיך צו ווענדען צו דער האנדווערקער-קאמער פון דער קעלצער וואיעוואדסטווא מיט דער בעטע:

1) נעמען צו קענטעניס די בעשטייגונגען פון צעך פאר אונזערע מיטגלידער בנוגע זייער צאהלונגס-פעהיגקייט פאר דעם מייסטער-עקזאמען.

2) נעמען אין שוץ דאס האנדווערקערטום ביי דער מענדערונג פון פערצילונגען די פראדוקציע אין לאנד, ווייל אונזערע פערדיענסטען זענען ביים היינטיגען מצב שוין גענוג נישטיג.

3) שיצען אונזער פאך קעגען די יעניגע וואס פיהרען נישט קיין מעבעל-פאבריקען, נאר מאטראצען, הובעל און שניידער - מאשינען א. ד. גל. און פיהרען אויס טישלער און דרעקסלער-ארבייט צום שאדען פון אונזער פאך.

4) נאמינירען אויך יודישע פערשטעהער צוזאמען מיט די קראנסטלוקע, כדי צו קאנטראלירען די אונלעגאלע ווערקשטעטען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פראָטעסטירט אויך קעגען די פרובען צו העכערען דאס דירה-געלד אדער וואוינונגס-שטייער.

נאך אן אויפפאָדערונג אנטייל צו נעמען אין דער געגענזייטיגער הילפס-קאסע אויפ'ן פאל פון א טויט-צופאל ח"ו, וואס ווערט געגרינדעט דורכ'ן ה' דזיאלאשינסקי א. א. שליסט דער פערזיצענדער די אלגעמיינע פערזאמלונג.

ר. ק.

נערווען-ליידענדע און געמיטס-קראנקע שאפט גוטע פערדייאונג, רעגולמעסיגען שטוהל-גאנג און אפעטיט צום עסען דאס מילדע ביטער-וואסער Franciszka Józefa.

מילוע האט נישט געקענט אדורכקומען מיט'ן נאמען פון קינד און צוליעב דעם נאמען האט געדראהט דאס נאר מיט געבוירענע מיט מיט און ווייטאג קינד צו דערשטיקען, נאר גלוקליכערווייז איז ארייינגעטראגען געווארען א פערשלאג, אז מען זאל דעם ברית אפלייגען, און דערווייל קיין נאמען דעם נייעם פעראיין נישט געבען.

אלזוי, דערווייל האט מען דעם רום פערלאטעט און זאל מען האפען, אז דאס נייע געבוירענע קינד וואס איז נאך זעהר שוואך וועט זיך שטארקען און מיר וועלען אויך נאך מאכען א ברית און איהר ענדליך א נאמען געבען.

הלואי!

קארנאוואל.

פרייליך איז אויף גאטס וועלטעל, מען פרעהט זיך, מען הוליעט און מימען נאם, איינצעל און גרופענווייז טאנצט מען אין די גאסען.

עס איז קארנאוואל.

דער שני תם איז אנגעקומען די וואך א גאנצער טראנספארט, דערנענטס נאך דאס בילד, און אויף דער נאכט זענען די שלעגען פול פון פערשטעלטע מיט מאסקעס און אהן מאסקעס, יונגע לייט און פרויליינס, וואס וועלען מקיים די מצות פון קארנאוואל.

דעם אמת'ן ערפאלג האבען אבער די מקצים וואס פערשטעלען זיך אלס יודען, נאך זיי לויפט מען נאך און מען כאפט זיך ביי די בערד און מען שרייט „זשודזשע, זשודזשע, דאי בראדע".

איך האב אנגעקוקט די „יודען" און האב געפונען אז זיי זענען שלעכט קאפירט, שטעלט אייך פאר, זיי שטעלען זיך פאר אלס א יוד מיט הויכע גלייכע פלייצעס מיט א אויפגעהויבענעם קאפ, טראכט איך זיך, אז מען אמת'ע יודען וואלטען געהאט גלייכע פלייצעס און אויפגעהויבענע קעפ, וואלט מען פון זיי אפשר נישט געמאכט קיין קאריקאטור.

צוריק געשמועסט פראגען מיר א גאנץ יאהר קארנאוואל, וועלכער סוחר איז דאס היינט נישט פערשטעלט, יעדער טראגט א מאסקע אויפ'ן פנים, עס מיינט מען, אז ער איז אן עושר, דערווייל ווייזט זיך ארויס, אז ער איז במחילה... און גלאט ווער רעדט דען דאס היינט וואס ער טראכט?

איך בין זיך מקנא די וואס קומט אויס נאר איינמאל אין יאהר און פרייען זיך הארציג און הייסען פון א גוטע מינוט און גלייכצייטיג בעדויער איך די יעניגע, וועלכע מוזען נעבעך א גאנץ יאהר מיט פערביסענע ליפען פייערן קארנאוואל...

דעם לעצטען ביסען

עס דערצעהלט מען מיר איין טרויעריגען פאקט פון א סך, וואס פערלויפען זיך אין שטאדט.

אויף דער סטראזשאצקע גאס וואוינט א פאמיליע, וואס האט אמאל געהאט א שעהן געשעפט, נאר די פערשוינדענע צרות האבען זיי פעראָרימט, אזוי אז זיי וואוינען אין אן איינציג שטיבעל און שכנות מיט'ן מיסט-קאסטען.

זייער איינציג פערמעגען בעשטעהט פון א נייה מאשין אויף וועלכע די פרוי נייהט אביסעל וועש.

דעם לעצטען פרייטאג א האלבע שעה פאר ליכט צינדען איז געקומען דער סעקוועסטראטאר צונעמען די מאשין ביי וועלכע עס האט געארבייט א פרעמד מיידעל (די איינענטימערין איז געלעגען קראנק) האט זיך דאס מיידעל ארויפגעלייגט אויף דער מאשין, נעמט מיר נישט צו — האט דאס מיידעל געשריגען — דעם לעצטען ביסען פון מויל, איך פערדין דאך 10 זל. א וואך ביי דער מאשין, דער סעקוועסטראטאר האט דורכאויס געוואלט ערפילען זיין פליכט, אבער דאס מיידעל האט בשום אופן נישט געוואלט לאזען נעמען די מאשין, האט מען געשיקט נאך פאליציי.

דער אנקומענדער פאליציאנט זעהענדיג דאס „ריבפקטס" און שטום האט מיטגעפיהלט די ארימע פאמיליע און געפרובט מועל'ן ביים סעקוועסטראטאר, אז ער זאל זיי צורות לאזען, יענער אבער איז ארויין אין דער אמביציע און האט די מאשין יא צוגענומען, דעם מיידעל האט געחלשט.

דער ה' ב. וועלפער וואוינט אויף דעם זעלבען הויף, אגב אויך נישט קיין עושר איז נאכגעלאפען דעם סעקוועסטראטאר, בעצאהלט א געוויסע סומע (וויפיעל — ווייל ער נישט זאגען) און האט די מאשין, דאס לעצטע ביסען ברוט צוריקגעבראכט.

וויפיעל אזעלכע מעשיות טרעפען טאג-טעגליך, ווען דער לעצטער ביסען ברויט ווערט ארויסגענומען פון'ם מויל.

דער ערשטער פרוב איז געלונגען.

דאס מיין איך דעם גראנדיעזען קאנצערט פון דער „לירא", וואס איז פארגעקומען דעם פערגאנגענעם שבת-צונאכטס אין קעמערטאל-זאל.

איך שרייב דא נישט קיין רעצענזיע (דאס קומט אויספיהרליך אויף א צווייטער ארט), ווי זיי אזוי זיי האבען געזונגען און געשפיעלט, איך וויל אין אלגעמיין זאגען, אז דער קאנצערט אלס אזעלכער איז פראכטפול געלונגען און א גרויסער יישר-כח קומט דעם טאלענטפולען און זעהר פעהיגען דירינענט ה' וואקס פאר זיינע לייסטונגען און איך האב א בקשה צו די אלע אנטיילנעהמער פון כאר און סימפאנישען ארקעסטער: העלפט מיט צום ווייטערדיגען ערפאלג ווי ביז-איצט, זעהט בעמיהט זיך, אז אונזער מדבר'דיג טשענסטאכאוו זאל אויפלעבען.

ביי דער געלעגענהייט איז אבער כדאי אויפמערקזאם צו מאכען, אז די טעכנישע לייטונג זאל געפיהרט ווערען אביסעל בעסער, זאלען זיי וויסען וועמען מען דארף איינלאדען, מיט וועמען מען דארף זיך רעכנען א. א. וו.

אבער צום ענין האט דאס נישט, איך בין מודיע די טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג צו די אלע וועלכע האבען א זין פאר קולטור און קונסט, אז זייער חוב איז מיטצוהעלפען צום ערפאלג פון דער „לירא", תארום —

דער ערשטער פרוב איז געלונגען.

כויתן

וואו איז דער היגער „תרבות"?

שוין עטליכע חדשים, ווי דער היגער „תרבות"-סניף האט נישט ארויס קיין שום סמנים פון לעבען. עס עקזיסטירט מכלומרש'ט דן אויבענדערמאנטע ארגאניזאציע; עס איז דא א ועד מיט א יושב-ראש און דער שפיץ; די דאזיגע ארגאניזאציע האט אויך צו איהר דיספאזיציע דעם לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע; און, ווי עס שיינט, אויך אין א געוויסענדער מאס העברעאישע אינטעלעקטועלע כוחות — אבער פארט און טראץ דעם אלעם הערט קיין שום ממשות'דיגע קולטורעלע העברעאישע טעטיגקייט נישט נעפיהרט. דארובער, ווילענדיג נישט ווילענדיג, דערמאנען זיך די פראגע: וואס בעדייט אייגענטליך די דאזיגע גלייכגילטיגקייט פון די היגע „תרבות" - עסקנים לגבי דער העברעאישער קולטור אין אונזער שטאדט? עס איז באמת: כדי בזיון וקצף...

איך חול דא אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" בעריהרען פאלגענדע אנגעווייטאגטע פראגע: דן חוגע העברעאישע לעהרער פון דער היגער יודישער גימנאזיע, וועלכע פראפאגאנדירען צו זיין דן העברעאישע קולטור - טרעגער ביי אונז און טשענסטאכאוו—עס צו זעהר „העברעאישען" נעהמען אפעליר אויך: היתכן? ווי קענט איהר זיין אזוי גלייכגילטיג צו דער היגער יודישער נאציאנאלער יוגענד, וועלכע שטרעבט בלב ונפש צו ערווערבען זיך די העברעאישע שפראך, וועלכע בעגעהרט צו דערקענען די גייסטיגע אוצרות פון יודישען פאלק?

עס די דאזיגע יוגענד, וועלכע בעלאנגט און דער גרעסטער טייל, צו דער ארבייטער-קלאס, אבשפארענדיג זיך די לעצטע פאר אויסגעהארעוועטע גראשען, בכדי צו בעזוכען די העברעאישע קורסען, וועלכע דער היגער „תרבות"-סניף האט געגרינדעט, האט אונצעהליגע מאל זיך געווענדעט צום ועד פון „תרבות", אז מען זאל ערמעסיגען דעם מאנאטליכען שכר-למוד, אום צוגענגליכער צו מאכען דאס בעזוכען פון די קורסען פאר די ברייטע ארימע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג—האט דער ועד פון „תרבות", אנשטאט ענטגעגענקומען דער דאזיגער בקשה, פונאנדערגעלאזט די קורסען און דאס נעבעט פון דער יוגענד איז נעבליבען ווי א קול קורא במדבר...

די אמאליגע העברעאישע לעהרער, ווי עס שיינט אויס, זענען געווען פון גרעסטע אידעאליסטען, ווי די חובבי-ציון. פאר נאך א קליינעם שכר-למוד און מיט א גרויסען נעמטענען תענוג האבען זיי געלערנט און פערשפרייט די העברעאישע שפראך און קולטור. דארגעגען אבער, היינט צו טאג, בעת דער העברעאישער לעהרער האט א פיעל מעהר געזיכערטע עקזיסטענץ, בעטראכט מען ביי אונז לחלוטין נישט דעם דערמאנטען מסירות-נפש פון אמאליגען העברעאישען לעהרער.

בנוגע, הונדער, דער העברעאישער קולטור - טעטיגקייט פון דעם היגען „תרבות" און עלנעסען — ווייסען מיר נישט דעם מיינדעסטען ווילען צו פיהרען וועלכע עס איז פראפאגאנדע פאר דער העברעאישער קולטור און אונזער שטאדט. די הויפט - אויפגאבע פון „תרבות" איז דאך: צו פערגעשטאלטען פערשידענע פערזאמלונגען; אפגעארדנעטע חברים-געשפרעכען אויף פערשידענע אקטועלע און ליטעראַרישע טעמעס און דער העברעאישער שפראך. מיט איין ווארט: צו העברעאיזירען די יודישע יוגענד און זי מעורר זיין צו דערקענען די גייסטיגע אוצרות פון יודישען פאלק.

אלס פארשטעהער פון דער היגער פאלקס חלוצישער ארגאניזאציע „גורדוניה", האב איך געפונען פאר נויטיג און נוצליך צו בעריהרען עפענטליך די דאזיגע אנגעווייטאגטע פראגען; און פון מיין הארצען רייסט זיך ארויס, ווילענדיג נישט ווילענדיג דער וועה-געשריי: „ת ר ב ו ת" ב צ'נ ס ט ו כ ו ב — א י ך ? — — —

דניאל יאזשאמבעק.

דער קאנצערט פון דער „לירא".

(שבת-צו-נאכטס אין קאמעראל-זאל).

און הירער האבען מיר געהאט א געלעגענהייט צו בעוואונדערען א געוואלדיגע לייסטונג פון ענערגיע און שטארקען ווילען. אהן יעדע זייטיגע מיטהילף און אהן וועלכע מאטעריעלע אונטערשטיצונג, נאר ביי א קליינעם דאזיגען גוטען ווילען פון עטליכע פערזאן און הויפטזעכליך פון דער ענערגישער ארבייט פון בעקאנטען מוזיקער און דירינענט ה' יצחק זאקס.

געקומען זענען מיר מיט א געפיהל פון מורא, נישט חס-ושלום אז דער קאנצערט וועט זיך נישט איינגעבען. דער נאמען פון ה' זאקס גאראנטירט פולקאם, אז זיינע אונטערנעהמונג וועט אדורך מיט דעם געהעריגען ערפאלג. מיר האבען מורא געהאט צו די טשענסטאכאווער יודישע געזעלשאפט וועט חוסען די געהעריגע אפשאצונג צו די לייסטונג, די מורא האט זיך אבער ארויסגעוויזען פאר נישט בעגרונדעט, דער זאל איז געווען פול בעזעצט מיט א פיינעם געקליבענעם עולם, וועלכער האט מיט דער גרעסטער שפאנונג אויסגעהערט יעדען פארגעטראגענעם נומער.

עס הויבט זיך לאנגזאם דן פארהאנג און עס דערהערען זיך די ערשטע טענער פון דעם הימן „מ י ר ז י נ ג ע ן". דאס איז ספעציעל אנגעשריבען געווארען פאר דער „לירא", די מוזיק פערפאסט פון ה' זאקס איז

עס שמעקט זיך באלד א יום-טוב'דיגע שטימונג אין זאל.

אלס צווייטער נומער איז אויסגעפיהרט געווארען דן פעריהמטע תלמיד ראפסאדיע „במה מדליקין" פון אונזער אונפערגעסליכען א. ב. בירנבוים וועלכע איז אויסגעפיהרט געווארען מיט אלע ניואנסען ווי אמאל בשעתו אונטער דער פערזענליכער לייטונג פון דעם גרויסען קאמפאזיטאר. מיט א נעאלדיגער קראפט הויבט אן דער ה' גראבינער דן ערשטע פעריאד פון דער ראפסאדיע, זיין וואונדערבארע באס-שטימע און זיין פרעכטיגע אינטערפרעטאציע מאכט אויף אלע א געוואלדיגען איינדרוק און ווען דער כאר האט אנגעהויבען זינגען האט זיך אויסגעדרוקט, אז מיר הערען ישיבה בחורים לערנען א שווערע סוגיא מיט אלע תנועות פון א גמרא-ניגון. שעהן געזונגען האט זיין סאלא „המכבד את הנר" דער ה' רוזענער, אויך ה' פרעגריק האט מיט זאך - פערשטענדניש אויסגעפיהרט דעם שווערען סאלא-נומער פון דער הבדלה פון זולצער, וועלכער איז בעגלייט געווארען דורכ'ן כאר.

ה' שפאצאצקי האט זעהר שעהן און טעכניש - ריין אויסגעפיהרט דעם פידעל-קאנצערט פון אקקאליי.

א קאלאסאלען ערפאלג האט געהאט דער בעליעבטער זינגער ה' חאלף שמירה. זיין שעהנע קלאנגפולע באריטאן-שטימע און זיין פראכטפולע אויספיהרונג פון די דורך איהם געזונגענע לידער האבען אנגעמאך בעזונדערס דעם עולם, געזונגען האט ער די לידער „זאמר פון שפערן" פון פרוג און „אורא" פון רובינשטיין.

איבערראשט זענען מיר אלע געווארען פון דעם ערשטען אויפטריט פון סימפאניען-ארקעסטער, וועלכער האט געוויזען, אז מיר פערמאגען און טשענסטאכאו זעהר שעהנע מוזיקאלישע קרעפטען.

גרויס פערגעניגען האט ארויסגערופען די אויסגעפיהרטע „טעטעפעל-חמה" פון סעלער-בעלא און דער „משאררא" פון גרעסמאן.

זעהר הארציג און מיט גרויס געפיהל און פאלאנט האט געשפילט ה' דוד לעהוים דן סעלנים-שהערע לעגענדע פון היעניאווסקי און דן שפיואננספולע סערענאדע פון דערדעל. ה' לעהוים בעזיצט א הויבען און גרויסען טאן און דערצו דן געהעריגע אויפפאסונג.

צום שלוס האט דער כאר ביי דער בעגלייטונג פון ארקעסטער אויסגעפיהרט דער תחונה-מארש פון טאנהייזער פון וואגנער'ס און דעם בעריהמטען „הללויה" פון ארצאטאריום, משיח פון הענדעל, פון דאס דער עולם קומט אריין און א געוואלדיגער התפעלות, גלענצענד בעגלייט אויפ'ן פארטעפיאן האט דאס פרל. סטאשעפסקא.

אלע כאר און ארקעסטער - נומערען זענען אויסגעפיהרט געווארען אונטער דער לייטונג פון ה' זאקס. ה' זאקס בעהערשט פולקאם די פארטעפיאר און דירגירען סיי דעם כאר און סיי דעם ארקעסטער, האט אונז בעוויזען, אז מיר האבען פאר זיך א רוטינירטען מוזיקער מיט א ברייטען פערנעם, וועלכער ארינטירט זיך אין די שווערסטע און פערוויקעלסטע סיטואציעס, דער אנסאמבל הערט ממש היפנאטיזירט אונטער זיין האנד. יעדער נומער בעזונדער איז דורך דעם פול-געפאקטען זאל שטורמיש אפלאדירט געווארען. די סאליסטען זענען אויך בעשאנקען געווארען מיט בלומען און צוזאמען מיט דעם גאנצען עולם דריקען מיר אויס אלע אנטיילנעהמער בעזונדערס דעם ה' זאקס א הארציגען יישר כח און מיר ווילען האפען, אז דער צווייטער קאנצערט וועט נישט לאזען אויף זיך לאנג ווארטען. X.

Nie wyrzucajcie Waszych pieniędzy!

Kupując mydła zamiejscowych fabryk płacicie wyższe ceny za kosztowne plakaty i koszty przewozu, podczas

gdy mydło z „Rybką" jest lepsze i przytem tańsze.

Używajcie

Mydło -- tylko z Rybką.

Częstochowska Fabryka Mydła

DZIUBAS i FISZEL

SPÓŁKA AKCYJNA.

זאל גאנץ טשענסטאכאו וויסען!

אז די פירמע „ווענוס" פערקויפט נאך נעצעהלטע טעג

דאמען-שיך פון 10.90 אן — **מענער-שיך** פון 17.90 אן

ערשטקלאסיגע קוואליטעט. גרויסער אויסוואהל. פערפאסט נישט און נוצט אויס די געלעגענהייט.

„ווענוס", 2 אלעע 29

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט מיינע ג' קונדשאפט, אז אלע זעמטליכע שפאגאטען פון דער פירמע „סטראדאם" פון וועלכע איך האב א ספעציעלען פערקויף זענען פון 1 ד. ח. ביליגער געווארען פון **15 ביז 20 פראצענט.**

אויסשליסליך שוסטער און רימער פשענע וועלכע זענען חייטער אין פוריגען פרייז. אלע ווארטען שטענדיג אויף לאגער.

יעקב ברוין, אלעע 1 אין הויף.

ווארט נישט ביז דער לעצטער מינוט

מיט די בעשטעלונגען, וואס איהר דארפט מאכען!

בעשטעלט שוין סוכנו = ווירטשאפט, קינדער-צימערן מיט דער בעסטער גאראנטיע.

שענסטע אויסלענדישע מאדעלען.

פירמע ברוסט,
פילסודסקי 31.

Udzielam lekcji
FRANCUSKIEGO
i konwersacji.
Wiadomość w redakcji.

דאס נייע געזעץ וועגען די יודישע קהלות אין פוילען.

צוליעב דעם גרויסען אינטערעס וואס עס האט ארויסגערופען דאס נייע קהלות-געזעץ וועלכעס טראגט אריין א רייהע זעהר וויכטיגע ענדערונגען בנוגע דער קהלה און אוהרע מיטגלידער, וועלען מיר געבען פאר אונזערע לעזער די וויכטיגסטע פאראגראפען פון דעם דאזיגען געזעץ לויט ווי דאס איז פערעפענטליכט געווארען און „רוזעניק אופטאט" און דער יודישער איבערזעצונג מיט די צוגאבען פון ד"ר פוליס העפטער.

§ 13. דעם צוגרייטען און דאס פיהרען פון די וואהלען צווי פון די פערוואלטונגען און די קלענערע קהלות ווי אויך פון די ראטען און די גרויסע קהלות געהערען צו דער וואהל - קאמיסיע (§ 14), וועלכע ווערט צו דעם צוועק געבילדעט דורך דער קהלה-פערוואלטונג אין די קלענע קהלות און דורך דעם קהלה-ראט און די גרויסע קהלות. אונטער דעם ענהויב פון דער וואהל-אקציע פערשטענדיגט די קהלה-פערוואלטונג תיכף ומיד די ערטליגע אויפזיכטס-מאכט איבער דער יודישער קהלה. די וואהל-קאסטען טראגט די בעטרעפענדע יודישע קהלה.

בעס. בשעת פריהער האט און די גרויסע קהלות די קהלה-פערוואלטונג געבילדעט די וואהל-קאמיסיע, הערט זי איצט דורך דעם קהלה - ראט געבילדעט.

§ 14. און די קלענערע קהלות בעשטעהט די קאמיסיע פון 3 פערוואלטונגס-מיטגליעדער און פון 7 מיטגלידער און 3 פערטרעטער, וועלכע וועהלען דורך דער פערוואלטונג פון צווישען די קהלה-מיטגלידער, וואס זענען נישט קיין פערוואלטונגס - מיטגלידער מיט א געהעהנליכער שטימען-מעהרהייט געוועהלט, ביי בעריקזיכטיגונג פון די און דער קהלה עקזיסטירענדע און צאהלמעסיג וויכטיגערע ר ע ל י ג י ע ז ע גרופירונגען.

כדי דורכצופיהרען די וואהלען פון די קהלה-ראטען און די גרויסע קהלות וועהלט די פערוואלטונג צו דער קאמיסיע פון צווישען זיך 5 פערוואלטונגס-מיטגלידער און א חוץ דעם 11 מיטגלידער און 5 פערטרעטער פון צווישען די קהלה - מיטגלידער, וואס זענען נישט קיין מיטגלידער פון דער פערוואלטונג אויף דעם אויבען אנגעוויזענעם אופן.

די מיטגלידער און זייערע פערטרעטער מחוץ דער פערוואלטונג מוזען בעזיצען אין דער קהלה דאס אקטיווע וואהלרעכט.

דער צוזאמענשטעל פון דער וואהל-קאמיסיע דארף בעשטעטיגט ווערען דורך דער ערטליכער אויפזיכטס-מאכט (און ווארשא דורך דעם מיניסטער פאר רעליגיעזע ענינים און עפענטליכער בילדונג מיט בעריקזיכטיגונג פון די בעשטימונגען פון אבז. § 1), וועלכע קען לויט איהר אפשאצען (אהן גרונד אנצוגעבען) נישט וועלען בעשטעטיגען די וואהל פון איינצעלנע קאמיסיע-מיטגלידער. און אזוי פיעל דארף מען דורכפיהרען א ערגענצונגס-וואהל, וועלכע דארף ווידער בעשטעטיגט ווערען דורך דער אויפזיכטס-מאכט.

און נויטיגען פאל לאזען די וואהל קאמיסיע מיין קהלה-מיטגלידער און א זעלבשטענדיגער צאהל, מיטצוהעלפען ביי איינצעלנע ארבייטען, וועלכע האבען א שייכות מיט דער וואהל-אקציע, צ. ב. צוזאמענשטעלען די וועהלער-רשימות, בשעת'ן שטימען א. אז. ח. בעזונדערס, ווען אויף דעם שטח פון דער קהלה זענען פערהאנען מעהרערע וואהל-לאקאלען (§ 46).

בעס. בשעת פריהער זענען די 7 מיטגלידער און 3 פערטרעטער ק א פ א פ ט י ר ט געווארען דורך דער פערוואלטונג ווערען זיי איצט דורך איהר מיט א שטימענמעהרהייט געוועהלט דאס מ'קומט אויך רעפרעזענטען ארויס, מ'דארף בעמערקען, אז די וואהל איז אויך חל אויף די 3 מיטגלידער, וועלכע קומען אריין און דער קאמיסיע מצד דער קהלה-פערוואלטונג. דאסזעלבע איז אויך נוגע די גרויסע קהלות מיט דעם אונטערשייד, וואס דא איז די צאהל פון די קאמיסיע-מיטגלידער גרעסער. נאך צוגעגעבען איז דער פונקט, נאך וועלכען דער צוזאמענשטעל פון דער וואהל-קאמיסיע מוז דורך דער אויבערער אויפזיכטס-מאכט בעשטעטיגט ווערען. אויך האט דער פריהערדיגער וואהל - רעגולאמין ביים קאמפלעטירען פון די קאמיסיע-מיטגלידער בעריקזיכטיגט אויך פארטייען (ציוניסטען, מזרחיסטען, אגודיסטען א. א. ח.) עלוא א חוץ א רעליגיעזען אויך א פאליטישען עלעמענט, בשעת איצט ווערט ביי דער וואהל פון קאמיסיע-מיטגלידער מחוץ דער פערוואלטונג בעריקזיכטיגט בלויז ר ע ל י ג י ע ז ע ג ר ו פ י ר ו נ ג ע ן.

§ 17. די ערשטע זיצונג פון דער קאמיסיע רופט צונויף און עפענט דער פארזיצער פון דער קהלה-פערוואלטונג אדער זיין פערטרעטער, וועלכער ארדענט איין די וואהל פון א קאמיסיע-פארזיצער און זיין פערטרעטער. די וואהל ווערט דורכגעפיהרט מיט א געהעהנליכער שטימען-מעהרהייט; ביי גלייכהייט פון שטימען ענטשיידעט דער גורל.

די ווייטערע קאמיסיע-זיצונגען רופט צונויף דער פארזיצער פון דער קאמיסיע אדער זיין פערטרעטער.

די זיצונגען פון דער קאמיסיע ווערען און דער רעגעל אפגעהאלטען און לאקאל פון דער קהלה-פערוואלטונג.

בעס. די וואהל-קאמיסיע בעשטעהט פון א פארזיצער, זיין פערטרעטער, 8 מיטגלידער און 3 פערטרעטער. פערטרעטער קומען אריין און דער קאמיסיע נור דעמאלט, ווען א מיטגליעדער נעמט נישט אן זיין פונקציע (§ 19).

§ 18. געשלוסען פון דער וואהל-קאמיסיע ווערען אנגענומען מיט א געהעהנליכער שטימען-מעהרהייט ביי דער אנוועזענהייט פון מעהר ווי א העלפט קאמיסיע-מיטגלידער. ביי שטימען-גלייכהייט ענטשיידעט די שטימע פונ'ם פארזיצער.

די קאמיסיע-בעשלוסען מוזען ווערען פראטאקאלירט און אונטערגעשריבען פונ'ם פארזיצער אדער פון זיין פערטרעטער און וועניגסטענס פון 2 קאמיסיע-מיטגלידער.

די קאמיסיע-בעשלוסען פיהרט אויס די קהלה-פערוואלטונג, אויב זיי זענען נישט סותר די פארשריפטען פונ'ם וואהל-רעגולאמין. און פאל פון ספקות אדער א סכסוך ענטשיידעט די ערטליגע אויפזיכטס-מאכט (מיט בעריקזיכטיגונג פון די בעשטימונגען (§ 1) און ענינים וואס זענען נוגע דער יודישער קהלה און ווארשא).

בעס. דער מינימום, וועלכער איז נויטיג דורכצופיהרען א קאמיסיע-בעשלוס ביי א אנוועזענהייט פון 6 מיטגלידער איז — 4 שטימען, ביי שטימען - גלייכהייט (פרא און קאנטרא) בלויז 3 שטימען, אריינגערעכענדיג דעם די שטימע פונ'ם פארזיצער. ביי א אנוועזענהייט פון 7 מיטגלידער זענען 4 א מעהרהייט. ביי אנוועזענהייט פון 8 מיטגלידער 5 שטימען בצא. 4 (מיט דעם פארזיצער), ביי אנוועזענהייט פון 9 מיטגלידער אויך 5 שטימען ביי א קאפעלעס שטימען בצא. 5 (מיט'ן פארזיצער).

§ 19. א פערטרעטער פון א קאמיסיע-מיטגליעד איבערנעמט זיין פונקציע נור און פאל, אויב די קאמיסיע ווערט דעקאמפלעטירט צוליעב א רעכטליכער אדער פאקטישער אונמעגליכקייט אויסצופיהרען די פונקציע מצד א קאמיסיע מיטגליעד (צ. ב. צוליעב אבזאגען זיך פונ'ם מאנדאט, פערלירען עס, קראנקהייט, טויט, תפיסה ופרוטה).

§ 20. די וואהל-קאמיסיע צווי אין די קלענערע ווי אין אויך אין די גרויסע קהלות שטעלט צוזאמען וועהלער-רשימות דורך אפשרייבען אין דער רשימה די קהלה-מיטגלידער, וועלכע בעזיצען דאס אקטיווע וואהל - רעכט (§ 5) אויפ'ן יסוד פון א שטענדיגען רעגיסטער פון די קהלה - מיטגלידער, וועלכע ווערט געפיהרט דורך דער פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה. (לעצטער אבזאץ פונ'ם ארט. 2 פון די פארשריפטען וועגען דער ארגאניזאציע פון די יודישע קהלות.)

די וועהלער-רשימה מוז אנטהאלטען די נעמען און פאמיליען-נעמען פון די וועהלער און זיין צוזאמענגעשטעלט און אלפאבעטישער ארדנונג לויט די פאמיליען-נעמען און מ'מוז זיין צוגעגעבען דאס עלטער, בעשעפטיגונג און אדרעס.

צוזאמענשטעלענדיג די וועהלער-רשימות קען די וואהל-קאמיסיע דורך איהר'ס א נעהערונגען בעשלוס ארויסלאזען אין דער רשימה פערזאנען, וועלכע טראגען עפענטליך ארויס נעגען דער מאזאאישער (יודישער) אמונה.

בעס. דער דאזיגער פאראגראף איז מבטל די פריהערע אפגעפיהרטע פליכט פון אפגעבען דעקלאראציעס, ער פיהרט אבער איין א פליכט פאר דער פערוואלטונג, אז זי זאל פיהרען א שטענדיגען רעגיסטער פון די מיטגלידער, א זעהר געוויכטיגער נייער איינפיהר.

דער לעצטער אבזאץ גיט מעגליכקייט דער וואהל - קאמיסיע, וועלכע קען דורך איהר בעשלוס ארויסלאזען פון דער וועהלער - ליסטע די פערזאנען, וועלכע זי הזלט, ווען דער בעגריף פון ארויסטרעטען נעגען דער רעליגיע איז זעהר א ברייטער און קען פערשיידען אויסגעטייטשט ווערען. שוין אבגערעדט פון א עפענטליכען מחלל שבת ופרוטה, וואס ער קען זיין וואהל-רעכט צו דער קהלה פערלירען, נור אפילו די קלענסטע אונפונקטליכקייט נעגען דעם שלחן ערוך — עבירה שאדם דש בעקבו — קען איהם לויט דעם לעצטען אבזאץ די וואהל-קאמיסיע זיין וואהל - רעכט פסל'ן.

צו מען קען נעגען אזא קאמיסיע-בעשלוס ארייננעבען א אנקלאגע צו דער עפענטליכער אויפזיכטס - מאכט, וועגען דעם שווייגט דער פאראגראף. דורך אנאלאגיע (גזירת שוה) קען מען אבער אננעהמען, אז ס'איז יא מעגליך.

§ 21. אלע וואהל-מודעות מוז מען עפענטליך בעקאנט מאכען דורך ארויסהענגען זיי אין לאקאל פון דער קהלה, פון די וואהל-קאמיסיעס (§ 15), און די קהלה'שע בתי-תפלה, אדער דורך גאסען-פלאקאטען און מודעות און ארטיגע טעגליכע צייטונגען, ווי אויך מינדעסטענס און איינעם פון די ארטיגע צייטונגען — אבהענגיג פון די ארטס-פערהעלטנינגען און צאהל פון דער יודישער בעפעלקערונג און דער קהלה (בעצה. פון וואהל-קרייז — § 15). די מודעות שרייבט אונטער די וואהל-קאמיסיע.

(המשך קומט).

וואס הערט זיך וועגן מצות?

דן תינע קהלה איז שוין זינט א קורצער צײַט צורוק צוגעטרעטן אזוי ווי אלע יאהרען צו אײַנקויפען מעהל אויף מצות.

פון אנהויבען זיך מיט דעם קויפען מעהל צו אונטערזוכען בנוז זײַ האבען דאס מעהל געקויפט אוז דערנאך פארגעקומען א פרײַז-שפּאַנערונג. אזוי אז דער ערשטער קויף איז פאנטאסט געװארען צום פרײַז פון 36 גר. פאר א קילא, פון װעלכען די פערקויפער האבען חרטה געהאט, אדרער דן קהלה האט פון זײַ געהאט די גױטינע גאראנטיע, שפּעטער איז געקויפט געװארען צו א העכערן פרײַז, און ס'איז אויך פארגעקומען דאס זעלבע, ערשט די לעצטע טעג איז געקויפט געװארען מעהל צום פרײַז פון 42 און האלבען גראשען פראנקא טשענסטאכאָו.

צום פרײַז פון מעהל קומט צוגערעכנט הערען קמחא פון יעדער קילא מעהל אזוי ווי ס'איז געװען אין פאָרינען יאהר.

איצט זעלען פארקומען די אונטערהאנדלונגען מיט די תינע בעקערײַ-אײַגענטימער װעגן דעם שבצאהל פאר'ן אויסבאקען די מצות.

ווי עס הערט פארגעזעהען װעט א קילא מצות קאסטען ביז 1 40 זל.

בלעכער מײַסטער-עקזאמענ'ס

פאלגענדע בלעכער האבען פערגאנגענעם שבת אבגעלעגען זייערע מײַסטער-עקזאמענ'ס: שלמה נאָגשערטאָוויטש (כהן עקזאמען), מענדל בלום, שלמה שווארצבוים, אהרן הארשאווסקי, ברוך שפּערלונג, איצעק שפּוק, בערול פיעכטאַ, יודעל באסקלעאוויטש, מאיר שמוליעוויטש, באטס, דוד ערונג, אהרן העקסלער, אברהם יאכימעק, יוסל יעשאנעק, שמחה שטכער, בצלאל גאלדבערג, פיאטרסקי.

ערקלערונג פון רעדאקציע

דער גרופע יונגעלײַט, װעלכע האבען צוגעשיקט א בריעף װעגען דעם װאס און דן תינע קינא'ס בעת דן רעהיקס קומען פאר חווק-מאכערײַען פון יורען מיט אויסטערלישע קאריקאטורען װאס מאכען א זעהר שלעכטען אײַנדרוק און פארלעצען די יודישע געפיהלען. ערקלערען מיר, אז מיר זענען אײַנשטימיג מיט'ן אינהאלט פון בריעף און מיר האלטען דאריבער זיך בעמיהען און אינטערװעניר'ן בײַ די תינע קינא-אײַגענטימער, אז דאס זאל מעהר נישט פארקומען, און אויב אונזער אינטערווענץ װעט נישט ברענגען קײַן רעזולטאט װעלען מיר נאך צו דער זאך צוריקקומען.

וועגן ווײַטערדיגע נדרים פאר „מחזיקי הדת"

דער אויפרוף און אונזער צײַטונג פון רב ר' נחום שע שליט"א װעגן מנדר זײַן בשעת פרויעת התורה לטובת דער תלמוד-תורה „מחזיקי הדת", כדי זי זאל קענען דעקען איהר גרויסען דעפיציט, האט געפונען א װארימען אנקלאנג צװישען די תינע מתפללים און װירינען שבת וועגען אין די תינע בתי-תפלות נאָדאנקען געתאדרען בעדײַטענדע סומעס אויפ'ן דאזיגען צוועק.

צוליעב דעם אבער, װאס נישט אין אלע שטיבלעך אדער מנינים איז דערגאנגען דן ידיעה װעגען דערמאנטען אויפרוף, בעט דער רב שליט"א — דורך דער פערמיטלונג פון אונזער צײַטונג — די גבאים פון אזעלכע בתי-תפלות, ווי אויך די מתפללים, װעלכע האבען זיך נאך נישט בעטייליגט אין דער נדרים-אקציע, צו ערפולען דאס דעם חײַנטיגען שבת פ' תרומה און צו שענקען נדרים פאר מחזיקי הדת, װעלכע העלפען מיטהעלפען צו דער רעליגיעזער ערציהונג פון 400 נישט-פערמעגליכע קינדער.

עקיבא רובינשטײַן אין טשענסטאכאָו.

אויף דער אײַנלאדונג פון חינען שאך-קלוב װעט זונטאג דעם 1-טען מערץ ה. י. קומען צו בעזוכען קײַן טשענסטאכאָו דער װעלט-בערימטטער שאך-מײַסטער עקיבא רובינשטײַן, װעלכער איז אנערקענט געװארען און דער גאנצער װעלט אלס דער װעלט קעניג פון שאך-שפּיעל.

עס איז מעהר װי זיכער, אז דעם קומען פון גרויסען װעלט-בערימטען שאך-מײַסטער צו אונז און שטאדט װעט ארויסרופען דן געהעריגע פראנאנסע רעפירונג בײַ די טשענסטאכאווער שאך שפּילער און דער סעאנס װעט גע-קרוינט װערען מיט ערפאלג.

רובינשטײַן װעט שפּילען גלײַכצײַטיג מיט 29 פּערזאן.

אלע װאס װילען אנטײל נעמען אין שפּילען דארפען זיך פארשרײַבען אין סעקרעטאריאט פון שאך-קלוב קאטשאוסקע 20 פון 6—8 אװענד און גלײַך בײַם סעקרעטאר פון קלוב ה' ניעזנאנסקי, טעלעפ. 802.

Inteligentna panienka poszukuje kondycji
u lepszych państwa
przy jednem ewentualnie
przy dwojga dzieci.
Wiadomoość w redakcji dla B.

דער פּראָצעס וועגען בלוטיגען אנפאל אין דער היגער קראנקען-קאסע

נעלעטען דאנערשטאג, דעם 19 ד. ח. האט זיך אנגעהויבען דער אונטערסאנקער פראצעס װעגען בלוטיגען אנפאל אין דער היגער קראנקען-קאסע װעלכער האט זיך צײַט אויסגערופען די עפענטליכע מײנונג אין מיילן.

צום דאזיגען פראצעס זענען ארויסגערופען געװארען 96 עדות. דער ריכטער-צוזאמענשטעל: פארזיצער י. ניעראבליעװסקי און די ריכטער משחיאקאסקי און הראשומאוויטש. דעם פראקוראטור פיהרט נעריכטס-אפליקאנט ראזמאנער. אלס בעשולדיגטער טרעטען ארויס פאר-פראקוראטאר פון װארשאַ. דער אפּעלאציע-געריכט נוסענזווייג.

אין נאמען פון דן בעשולדיגטע טרעטען ארויס די אדװאקאטען: ראמבערג רצחסקי און תאניגחול פון װארשאַ, די אויך לאמזאקי-מאזרא פון פיעטרקאָװ.

אין נאמען פון די פראנויש-אומגעקומענע פאמיליעס טרעטען ארויס אלס צוזיל-פאתגער: אדװ. פאספאלסקי (דערצײַל נישט אנחזיגנר), אדװ. יולישן דרעשער און אדװ. סעוושיצקי.

א פערוויילונג אין פייערלעשער-זאל.

מארגען שבת 9 אװענד ארגאניזירט זיך ארט פרײַנד און סימפאטיקער פון'ם יודיש-װעלטליכען שול-חינוך אין פייערלעשער-זאל, אויס'ן אווענד, װאס װעט דויערן א גאנצע נאכט.

עס װערען אנגענומען שריט דורך די ארגאניזאטארען, אז דער אװענד זאל זײַן אינטערעסאנט, כדי צו פארברענגען אין א הײמישער און געמיטליכער סביבה. צו די טענץ איז אנגאזשירט געװארען אן ערשטקלאסיגער ארקעסטער אונטער דער אנפיהרונג פון ה' װערמאן. חוץ דעם װעט זײַן א פאנטאזי-לאטעריע פון עטליכע הונדערט װערטפולע פרײַזען, טליה-פעסט, סערפענטין א. אנד.

דער זאל איז פּרעכטיג דעקארירט, װאס איז פארבליבען פון דער לעצטער פייערלעשער-רעדוטע. אײַנגאנג נאר 1.50 זל.

כאראקטעריסטישע עטאט-רעקלאמאציע.

צװישען די פערשידענע רעקלאמאציעס איבער'ן עטאט-אבצאהל האט פלוסען אײַן אין גמינע קאנצעלאריע גע-פונט זיך אײַן רעקלאמאציע מיט פאלגענדען כאראקטעריסטישען אינהאלט:

„ערהאלטענדיג אבער ם פאמפלונג װעגען דער סומע עטאט-אבצאהל פאר'ן יאהר 1930 ערקלער איך, אז פון 1 אפּריל ד. י. בין איך איבערגעגאנגען אין קריסטליכען גלויבען, און אלס בע-װײַז לעג איך בײַ די בעשטעטיגטע טויף-שײַן.

איך לעג אויך, בײַ דן סומע פון 25 זלאטעס פאר'ן ערשטען קווארטאל פון עטאט יאהר, בוז אויך בין פון דעם אבצאהל בעפרײַט געװארען".

א בריעף אין רעדאקציע.

געעהרטער ה' רעדאקטאר!

ערלויבט מיר איבערצוגעבען און אײַער ב' צײַטונג פאלגענדע שורות, פאר װעלכע איך דאנק אײַך פאראויס:

אויף דער לעצטער זיצונג פון קהלת דעם האט דער פרעזעס ה' גאלדשטײַן רעדענדיג װעגען דער שחיטה-פראגע געבריחרט, אז דאס מנין אלען גר. 36 שפּיצט אונטער דעם נישט-לעגאלען שוחט װעניגער נאקסמען און איז געװאר געקומען מיט א רעקלאמאציע אין דער קהלה װעגען אנ'אינטערווענץ, אז מען זאל איהם נישט שיקאנירען.

אלס אײַנער פון די מיטגלידער פון דאזיגען מנין ערקלער איך קאטעגאריש, אז דאס שטימט נישט מיט דער װירקליכקײַט. דאס מנין אלס אזעלכעס האט קײַן שום שײַכות נישט מיט דעם אויבענערװעהנטען שוחט, געװעהנליך קען מען נישט פערהינדערן קײַנעם (אויב עס געפינען זיך אזעלכע) װאס סימפאטיזירען פערזענליך מיט דעם שוחט, אבער ארויסצוטראגען דן שולד אויפ'ן מנין איז אבסורדאל.

כ'בעדויער, װאס צוליעב געװיסע סבות האב איך נישט געקענט זײַן אויף דער אויבענערמאנטער זיצונג און איך האב נישט געקענט בעלד אויפ'ן ארט דאס קארעגירען.

מיט דרך-ארץ א. ז. פרידמאן
פּערא. מיטגליד פון דער יוד. קהלה אין טשענסטאכאָו.

קרועפיץ.

אויף דעם האבען מיר זיך נישט געריכט.

מיר האבען אין קענען נוט אונזערע דאזערעס אויף דאס זײַ זענען פעהיג, דאס קען טאבעסטען בעװײַזען דער סקאנדאל, צו װעלכען זײַ האבען צוגעלאזט, אז עס איז געקומען דערצו, אז מען זאל דאס קהלה-פערמעגען ובתוכם 11 ספרי-תורות אויסשטעלען אויף א ליציטאציע. נאר אז זײַ זאלען פעהיג זײַן דאס אלץ עפענטליך אבצולײַקענען, אויף דעם האבען מיר זיך שוין גאר נישט געריכט.

און דאך איז עס א פאקט.

און דער „טשענסטאכאווער צײַטונג" נומער 7 געפונט זיך א עפענטליכע ערקלערונג פון דן קרועפיצער דאזערעס: 1) אז עס איז פאלש, אז מען האט דן 11 ספרי תורות אויסגעשטעלט אויף א ליציטאציע און 2) אז נישט ה' פאנטש איז געװעהרען ערלעדיגען מיט'ן קריסטליכען בעל-חוב קײַן חלעשטשעווע, נאר ער, בכבודו ובעצמו, דער פארזיצער האט אלײַן ערלעדיגט מיט'ן קריסט און אין קרועפיץ גופא.

שוין גנשט. רעדענדיג װעגען די סתירה, װאס עס איז פערהאנען אין דער ערקלערונג, װארום ממה נפשך, אויב דן ספרי תורות זענען נישט אויסגעשטעלט געװארען אויף א ליציטאציע צו װאס האט מען גע-דארפט ארויסקומען מיט'ן קריסט? צלוא צו דער ערקלערונג גופא:

װן האט איהר צו געבען פוט ער-קלערונג אונגערצײַט, װען פיר קרוע-פיצער יודען װײַסען דעם גאנצען אמת צו איהר מיט אײַער חורשטעלס האט צוגעפיהרט צו דעם גרויסען חילול-הקודש, װאו דן 11 ספרי-תורות זענען אויסגעשטעלט געװארען אויף א ליציטאציע און איהר, אונזערע שטאדט-טאטעס האט עס געפרט חן דעם פאר-איאחרינגען שנײַ און נאך א ראנק א גרופע קרועפיצער בעלי-בתים, װעלכע האבען צוזאמענגערופען אנ'אסיפה און עס איז צוזאמענגעזאמעלט געװארען עט-ליכע הונדערט גילדען, האט מען דע-לעגירט דן ח'ח חיים פאנטש און לײַ-זער גראגדראפעל, װעלכע זענען גע-פאהרען קײַן חלעשטשעווע צום קריסט מיטנעמענדיג מיט זיך די חלעשטשעווער דאזערעס דו ח"ה טעטעלבוים און זאיאנטשקאווסקי, װעלכע האבען אונטערהאנדעלט מיט'ן קריסט און איהם אײַנגעצאהלט 700 גילדען און דאס איבריגע געלד דארפען זײַ אײַנצאהלען דעם 15 מערץ ד. ת. אויף דעם קען דאך עדות זאגען דער ה' טעטעלבוים און זאיאנטשקאווסקי, טא װי אזוי קומט איהר און גוט אזא „עפענטליכע ער-קלערונג" װאס איז פון אנהויב ביז'ן סוף פאלש.

װען איהר דאזערעס װאלט געדארפט די זאך ערלעדיגען, װאלטען די ספרי-תורות בעשטימט פערקויפט געװארען און דער חילול-הקודש װאלט ח"ו בע-שטימט פארגעקומען.

די דאזיגע ערקלערונג, ליעבע דא-זערעס, האט אײַך געזאגט קײַן כבוד נישט פערשאפט. איהר האט געטאטעלט בעװײַזען אויף דאס פאר א אזען איהר װאלט װעלט העכער רײַטען אויף קרועפיצער קהל, אן אויף א קלאמפער נאר דאס װי עס װײַזט אוים מעט זיך אײַך גנשט נעבען.

קרועפיצער דאזערעס, אז איהר זענט פעהיג אויף אזעלכע ערקלערונגען האבען מיר זיך נישט געריכט...

א קרועפיצער.

פראָסע-רינג לטובת דעם „קרן-החלוץ".

א. פיטקע, 2 זל. און רופט י. פרוכט, ח. בערקאוויטש, מ. בערקאוויטש.
ל. יעשאָנאָוויטש ענטפערט 2 זל.
מ. רײַזענשטײַן 2 זל. און רופט ד"ר ל. אש, מאג. י. בלום, מאג. כ. װילענבערג, סטודענט י חערשקאוויטש.
י. גירענבערג 2 זל. און רופט ה. מארקאָוויטש, ד. פרעסער, מ. בלעכשטײַן און ראובן לעהרער.
יהושע שטראום ענטפערט 2 זל.
ג. שצופאק ענטפערט מיט 1 זל.
ש. כהן ענטפערט מיט 1 זל.
י. חאזניצא 1 זל. און רופט אימער שילדהויז יצחק וואלבערג, מענדל יארקאָוויטש, משה פסח.
י. גרילאק 1 זל. און רופט שלמה פינגענבוים, ישראל גרינדמאן, שמחה שילדהויז און א. בערלינסקי.
ישראל פײַבערג 1 זל. און רופט מ. יאקובאָוויטש, ל. װארגאן, ח. חאכבערגער, ז. גאלבער, א. ברעזער.
פרײַלײַן ל. חעקשטײַן ענטפערט 1 זל.
פרל. אידא סקאָהדאן 1 זל. און רופט בעלא ובאראנסקא, נפתלי גארעלמאן, דוד בענעט, יצחק פראנק, חנה ערליך, חעניעק לעװי און מענענבערג װארשאָװער 1.
ש. קלײַן 1 זל. און רופט אברהם לעוזקאוויטש, ש. פערענס, ש. רױזמינער, י. מ. האלטגד
ג. שטײַנהארד 1 זל. און רופט ס. װײַסבערג און י. װינעלבוים.
נפתלי פעטטשטיווש 1 זל. און רופט אפרים בראטמאן, חיים אינאקאוויטש, אברהם שטײַנבערג, צדוק ריכאנער, לעאן רײַזענצווײַג.
דוד כהן 1 זל. און רופט ישכר קאנסענס, לײַזער װארשאווסקי, יעקב בראט נײַער מארק 1
ב. האפמאן 1 זל. און רופט מענדל רײַזענבלום, ל. כהן, א. װאלבערג.
ז. יורימא 1 זל. און רופט אברהם װאלדבערג און י. ס. בירענבלוט.
ג. זלאטניק 1 זל. און רופט יהושע לעגמשנער, ש. בראנדעס, י. פײַערשטײַן, לעאן שצופאק און י. שצופאק.
ד. קאוק 1 זל. און רופט ה. רײַנהערץ, טאָפעק װילענבערג, שלמה קאוק און אברהם סרעבניק.
ל. ראנציגער 1 זל. און רופט קארעלט איצ-קאוויטש, שלמה רוזעצקי, יצחק בירענצווײַג.
ר. פישאף 1 זל. און רופט ח. פאטאשינסקי.
י. שפּיצוואק 1 זל. און רופט אברהם װינגעלבוים, ח. חעלמאן.
ר. פײַדא ענטפערט 1 זל.
וו. רײַכמאן 1 זל. און רופט מ. ל. בערליינער, ה. חאכבערג, י. גאלדרײַך, מ. שפּילבערג.
י. רוזענזאק 1 זל. און רופט דוד קאנופא, אברהם זאקובאוויטש.
ח. שפּיגעלמאן 1 זל. און רופט פרײַליין ל. ליכטער, אינזש. מ. טאכנער, י. װילענבערג און יולעק שטייט.
פײַשעל בלומענקראנץ ענטפערט 1 זל.
ד. יאקובאוויטש 2 זל. און רופט נאפארטעק סענאטארסקא 2 ח. קרעמפלאָװסקי, ליבא מאשקאוויטש, האנקא הויפמאן, רעגא רײַזענבלום, טאבא קאנטער, ל. חירניק.
פרײַליין קארעלא חײַנמאן 1 זל. און רופט האמבורגער טאראשאנסקא 6.
י. מושינסקי ענטפערט מיט 1 זל. און רופט מארקוס שטיא, יוסף רײַך.
בעלא ובעראָחסקא 2 זל. און רופט חעלה חערקאוויטש, אנדזיא טאנער, בעלא נאפאן.
פראניא ציטערמאן ענטפערט 2 זל.
י. עטעלבוים 2 זל. און רופט לעאן יורימא.
רעטעק חײן 2 זל. און רופט סאלא יארקאָוויטש, א. חיינער, הארצקע חאפמאן.
ל. לעחקאָוויטש ענטפערט 2 זל.
ש. חײַמאן ענטפערט 2 זל.
א. שווארצבוים 2 זל. און רופט מ. פאלק, נ. נודעלמאן, אהרון חערקאוויטש, משה פנקאסקי, און שלמה סגעפקאווסקי.
א. נאטליב 1 זל. און רופט מ. שעקעק, ז. בראט, בורשטין אלעע 28.
ש. גאלד 1 זל. און רופט העלינא גיטלער רוזיא חאפמאן, גענע בארען, ש. ריכאנער, קלמן קופער, יוסף דױאלאווסקי, לײַבעל רײַזענפעלד.
ג. לאנדױ 2 זל. און רופט יחיאל װילענבערג.

נדבות אין רעדאקציע.

ח' ערליך אנשטאט א טעלעגראמע דעם ח' קרעל 2 זל. פאר מחזיקי הדת.
מרדכי בעפערגליק 2 זל. פאר בית לחם.
אהן נעמען 2 זל. פאר מושב זקנים.

א גרויסע פירמע זוכט 6 ענערגישע פרויען
צו אויסערליכער ארבײַט. סטאבילער פאסטען. פערדיענסט פון 30—40 זל. טעגליך געזיכערט.
פארצוג האבען די װאס זענען בעקאנט מיט אקװיזיציע. גענױע אויסשולונג גיבען מיר אומזאנסט.
מעלדען זיך, טעגליך מיט פערזענליכער בעשײַניגונג, מאנטאג פון 10-12 און 3-5 נאכמ. בײַ
יאשינסקי, קראקאווער 38
2 שטאק, לינקס.

עס ווערט געזוכט
א טיכטיגער אקוויזיטאָר
צו פערקויפען ארטיקלען פון הויזליכען געברויך.
— אויף זעהר גוטע בעדינגונגען —
פעסט פראָוויזיאָן געזיכערט.
מעלדען זיך מיט רעפערענצען
ul. Kościuszki № 16, m. 13.

עגזיסטירט פון יאהר 1907.
דאס שענסטע און פעסטע גאראנטירטע
מעבעל
ווי שלאף-צימערען און עס-צימערען אויך אײַנצעלנע טײַלען מעבעל װערען אויסגעארבײַט אין מײַן ערשטקלאסיגען טישלער-װערקשטאט צו זעהר מעסיגע פרײַזען אויף בעקוועמסטע בעדינגונגען.
ח. לאנצמאן
אגראדאָװאַ 29.

סינאָ
CASINO.
פרײַזען פון די בילעטען:
קרועסלא 1 פלאץ 1 זל.
2 פלאץ 1,20
3 פלאץ 1,50
באלקאן 1,20

טעאטער
„אדעאָן"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 9-30 אװענד
קרועסלא ביז'ן אנהויב 1,20
און אויף די איבריגע סעאנסען 1.50 זל.
פאר יונגער ערלויבט.

ערשטער מוסטערהאפטער
קלאנג - קינא
נאוואשצי
אלעע 12
לעצטער סעאנס 9-30 אװענד
הײַנט און חײַנטערע טעג.

הײַנט! גרויסער פוילישער קלאנג-פילם אויפ'ן יאהר 1931
GŁOS SERCA
ריהרענדע דראמא פון א פוילישער עמיגראנטין אין דער פרעמד.
אין די הויפט-ראלען: יאנינא ראמאנובנא, זאפיא גרזיבאווסקא, סטעפאק ראגולסקי, וויקטאר ביעגאנסקי, גאוליקאווסקי א. א.
דאס איז די גאראנטיע פון ערפאלג! — רעקלאמע איז איבריג!
אויף דער סצענע: נאר עטליכע טעג קען מען בעוואונדערן דעם בערימטען
רוסישען כאר
א. ג. פון אנדרעיעװ, אויך ט. מערגי און ס. וואלקאווסקא.
אין פראגראם: טענץ, כאר-געזאנגען, דועטען אדגל.

די לעצטע טעג! גרויסער יום-טוב פון דער פוילישער קינאמאטאגראפיע!
NA SYBIR
רעזשי: הענריק שארא.
אין די הויפט-ראלען: יאדוויגא סמאָסארסקא, אדאם בראָדזיש, באגוסלאוו סאמבארסקי, פרענקעל, זשימינסקא, באדא, יוסטראן א. א.
מוזיק פון ה. װארס. — י. סמאסארסקא זינגט דאס ליעד „פלאמענדע הערצער".

נאך עטליכע טעג דאס הערליכע לאנג-ערװארטעטע קלאנג-קונסטװערק!
POD DACHAMI PARYżA
אין די הויפט-ראלען: אלבערט פריאן און פאלא אילערי.
אויף דער סצענע: סאטיא מאסלאװא, אידא טרוועסט
אין דער רעװי: „ארום דער וועלט".

Redaktor Izrael PŁOCKIER — Wydawca B. BOCIAN — Druk B. BOCIAN aleja 6